STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10187

IN SHOTN FUN MAYN BOYM

Henry Rosenblatt

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. רויזענבלאט

אין שאָטן פון מיין בוים



"IN THE SHADE OF MY TREE"
H. ROSENBLATT JUBILEE COMMITTEE
NINETEEN FORTY EIGHT

Copyright 1948 by H. Rosenblatt
Los Angeles . . . California
Printed in U. S. A.

געזעצט און געדרוקט אין דער יוניאַן דרוקעריי פֿון דער
webbbell press . . . 3620 וועסט פּיקאָ בולעוואַרד
לאָס אַנגעלעס, קאַליפֿאָרניע
67

אינהאַלט

וואונדערלעך וואָרט 9

אַ לבנה אין פענצטער

דאָס ליד פון קליינעם אות........ 31
גרינע מאַסקעס 32
שפריירעגן 33
איז די רויז געווען רויט 34
אַנטפּלעקונג 35
דער אוצר 36
צו אַ פלאַטערל 38
עס שמעקט מיט וואַלד 39
איקאָנע 41
צו אַ פייערפליגעלע 43
אַ מעשה, וואָס קלינגט כמעט אומגלויבלעך 44
פאַנטאַזיע 48
די נסיעה קיין שאַנגרילאַ 50
דער בלינדער קעניג 52
אָט דאָס איז גאָט 53
בשעת מיין שכן שלאָפט 54
דעם בלינדנס שטעקן 55
אַזוי איז מיר באַשערט 57
דאָס געוויין פון אַ קינד 58
מיינע זיבן גוטע אורחים 60
אַ זעגל 63
וועגן וויין און רויך 65
אַ באַלאַדע וועגן אַ קאַרשנבוים 68
ליד פון אַלע לידער 70

איך וויל אייך דערציילן

ביי מיר אין גאָרטן וואַקסן לידער 73
ספֿרים 74
היימיש ברויט 75
יציאת נשמה 80
בלעטערנדיק אַן אַלטן בילדער־אַלבאָם 82
אַ מעשה וועגן אַ שוסטער וואָס האָט געהאַט אַ
מיאוסע טבע — זינגען 86
אין טאָל פֿון די בלינדע 90
דער אַכזר 94
דער שווייגער 96
ספֿר החלומות 98
אַ פֿולע בויד מיט ווייבער 101
אין קריג מיט דעם ים 107
שעפֿסן 111
אַ מענטש אַ מרה־שחורהניק דערציילט 112

פֿאַרגעסענע

אַ ליד וועגן אַ גריל 115
אַ לאָמפּ אין פֿענצטער ברענט 116
אַ מעת לעת 117
אין די טרויער־טעג פֿון שבעה 118
דער זיגער 120
דער סך־הכל 121
דער בעל־תשובה 123
דער מענטש, וואָס רעדט צו זיך אַליין 126
דער גאַסט 128

דער פּוסטער „האָומסטעד" אויפֿן באַרג 130
דער שטומער עדות 133
דאָס הויז פֿון גאָט 134
דאָס פֿאַרשעמטע בגד 135
גשם 136
דאָס ליד פֿון דעם קאָמאַר 138
מײַן האָן, מײַן גאָלדענער 140
דאָס הויז בײַם סוף פֿון קרומען שליאַך 141
דאָס ליד פֿון פֿרום־גלוביקן 143
דער שפּיגל 144
וואוהין ס'איז מיר באַשערט 145
עפּיטאַף 146

מים המאררים

משה אויף דעם באַרג נבו 149
על הנסים 151
עס פֿלאַקערט אַרום מיר די שלאַכט 153
פֿון תרשיש מיט דעם ים 154
אַ גאַסט, וואָס קומט אײַנמיטן נאַכט 155
דער טאָל פֿון טויט 158
אוצרן אויפֿן ים 160
דער בוג איז ווײַט פֿון דאַנען 163
אַזאַ מײַן וואונדער־פֿויגל 165
פֿליגלען 167
פּויערים מיט העק 169
אַ טויטע בין 171
נישטאָ קיין אַנטרינונג 173

װאונדערלעך װאָרט

וואונדערלעך וואָרט

— אַ מין „אַני מאַמין" —

א.

פֿאַרווילט זיך דיר אין מיטן העלן טאָג זען גרויסע וואונדער ? — דריי אויס דעם קאָפּ אויף צוריק, כאַטש אויף אַ וועלכע פּופּציק אָדער זעכציק יאָר, וואָס ליגן נאָך אין די גרענעצן פֿון דיין באַשערטן לעבן.

פֿיר פֿאַר דיין דמיון פֿאַרביי אָט די אַלע געשעענישן, וואָס זיינען דיר ליב און טייער געווען. פֿאַרהאַלט זיי. לאָז דיין אויג רוען אויף זיי — אויף איין געשעעניש אַביסל לענגער, אויף אַן אַנדערער אַביסל וויניקער. עס ווענדט זיך אָן דעם, וואָס פֿאַר אַ ראָליע די געשעענישן האָבן געשפּילט אין דיין פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס האָבן זיי דיר געגעבן און וואָס האָבן זיי ביי דיר צוגענומען . . .

און וואונדער וועלן געשען!

1891. אַ גרויסער, אַ מוראדיק־גרויסער ריז האָט אונדז אַלעמען — טויזנטער און צענדליק טויזנטער יידן, אַלטע, יונגע, מענער, פֿרויען, קינדער — צונויפֿגעגראַבליעט פֿון אַלע עקן וועלט, אַריבערגעטאַסקעט איבערן ברייטן אַטלאַנטישן אָקעאַן, אַלע אויסגעמישט אין אַ מוראדיקן גרויסן זאַק, אַ שאָט־געטאָן ביי די סאַמע ברעגן פֿון קאָלומבוסעס מדינה, אָט ווי מען שיט אויס נאַר־וואָס־אויסגעבריטע הינדעלעך פֿון אַ רעשעטע:

— א־הו־ש־ש־ש! גייט אייך אויף גאָטס באַראָט!

אָט פֿון דעם אַ זאַק בין איך צו יענער צייט (רעכנט אַליין, זייט מוחל, אויס ווי אַלט איך בין דאַן געווען. איך שרייב דאָ ניט מיין אויטאָביאָגראַפֿיע) אַרויסגעפֿאַלן אינאיינעם מיט מיין טאַטן, הערשל דעם מילנער פֿון ריסאָשע, פֿאָדאָליער קרייז, מיין מאַמען, אַ שיינע, יונגע, ליכטיקע מאַמע, און אַ אינגערן ברודערל.

אַלע דריי שוין אויף דער אמתער וועלט — יתגדל ויתקדש שמה רבא . . .

נישט קיין אויטאָביאָגראַפֿיע בין איך דאָ אויסן צו שרייבן — בלויז אייניקע דעראינערונגען. עטלעכע געדאַנקען, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער יידישער ליטעראַטור, איבערהויפּט מיט דער דיכטונג פֿון יענע ערשטע אימיגראַנטן־יאָרן דאָ אין אַמעריקע.

עמיצער אַ קלוגער דיכטער האָט דאָ אַנומעלטן געזאָגט: אַ שרייבערס לעבן הויבט זיך אָן מיט דער ערשטער שורה, וואָס ער שרייבט אויף. אָט פֿון דער שורה הויבט זיך אָן מיין צויבער־מעשהלע.

# #

דערמאָנסט זיך אָן דער גרויסער שפֿע דאָ אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די אַכציקער יאָרן, בעת דער ערשטער געדיכטער ידישער עמיגראַציע־שטראָם האָט זיך אַ שפּאַר־געטאָן צו די ברעגן פֿון דעם נייעם לאַנד. געדענקסט די ערשטע שפּראָצונגען פֿון אַ יידישער ליטעראַטור, די ערשטע סימנים פֿון אַ יידישער קולטור, די ערשטע חלומות וועגן אַ ניי יידיש לעבן, געבויט אויף די יסודות פֿון פֿרייהייט, גלייכהייט און פֿרידן . . . אמת טאַקע, אַ קליינע, מאַגערע התחלה־ליטעראַטור צו יענער צייט, אָבער אַזוינע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן! אַ קלייניקייט עפּעס — קיין עין הרע אַ ז ו י פֿ י ל יי ד ן! . . . אַ ים מיט לייענער! אַזאַ שאַרפֿער הונגער נאָך אַ יידיש וואָרט! ס׳איז אפֿילו אויך אמת, אַז דערוויל לייענט ער אַלץ, וואָס אים קומט נאָר צו דער האַנט: שאָמער און מענדעלע, תשר״ק און שלום עליכם, בלאָשטיין און פּרץ, טענענבוים און אַש, געצל זעליקאָוויטש און דוד פּינסקי, צונזער און ליעסין, שמולעוויטש און רייזען. שלינגט דאָס געדרוקטע וואָרט, ווי אַ הונגעריקע גאַנדז פּאַפּעשויע . . . נאָר — ניט געאיילט! ער וועט זיך צוגעוואוינען, זיך אויסלערנען, וועט ווערן מער איבערקלייבעריש, זעלבסטשטענדיק, און וועט אַליין פֿאַרשטיין און וויסן דעם חילוק צווישן גוט און שלעכט. דער עיקר — אַבי ער לייענט! וואָרעם אָטאָ די מאַסע איז דאָך די סאַמע שוואַרצע, פֿעטע ערד. אויף איר וועט דאָך אויפֿגיין אַזאַ גערעטעניש, אַזאַ שפֿע, אַז גאָט און לייט וועלן אונדז מקנא זיין.

די דאָזיקע שפֿע פֿון די אַכציקער־ניינציקער, ווי אויך פֿון די שפּעטערדיקע יאָרן לאָזט זיך פֿאַרגלייכן מיט אָן ערב־פּסחדיקער פֿאַרפֿלייצונג אין אַ קליין שטעטל. דאָס היימישע טייכל ווערט איבערנאַכט פֿאַרוואַנדלט ממש אין אַ ים. דאָס ספּאָנטאַנע געוויסער רייסט פֿאַנאַנדער דאָס בריקל, ווי דאָס וואָלט געווען פֿון שפּינוועבס געמאַכט. די פּאָר קרעטשמעס ביים ברעג ווערן פֿאַרטרונקען ביז צו די קוימענעס. אויפֿן שטעטל פֿאַלט אַ פּחד . . . אָבער אָן סכנה! עס גייט דורך אַ וואָך — און דאָס שטעטל ווערט צוריק שטעטל, דאָס טייכל — צוריק טייכל, און די ריטשקע, וואָס נערט עס כסדר, ווערט צוריק נאָרמאַל און לאָזט זיך אַוועק איר באַשטימטן גאַנג.

יענער עמיגראַנטן־שטראָם, וואָס האָט זיך ראַפּטאָם אָפּגעריסן, האָט

פֿאַרפֿלייצט די ברעגן פֿון אַמעריקע און זיך פֿאַנאַנדערגעשפּרייט ווי אַ ים, האָט ניט געקענט פֿאַרבלייבן ים . . . ער האָט זיך געמוזט מיט דער צייט אָפּזעצן, אָפּפֿאַלן. די ערשטע, מ׳שטיינס געזאָגטע, אַמעריקאַניזאַציע, די נייע גיך־ענדערנדיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, די מוטנע אַרויפֿגעשוימטע אַסימילאַציע, האָבן מיט דער צייט אָפּגעצויגן אַ היפּש ביסל פֿון דער כאַאָטישער עמיגראַציע־פֿאַרפֿלייצונג אינאיינעם מיט דער איבערנאַכט־געוואָרענער יידישער קולטור, מיט דער אויבנאויפֿיקער, אויפֿגעשוימטער ליטעראַטור . . . דער ערשטער הונגער צו לייענען און צו לערנען איז געזעטיקט געוואָרן. דאָס וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט, איינגעשטעלט, איז געבליבן. דאָס איז דער ריווח.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז זיך גרינג משער צו זיין, ווי שווער עס איז אָנגעקומען דער ערשט־אויפֿגעקומענער, אָקאָרשט־איינגעפֿלאַנצטער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע דורכצושלאָגן זיך אַ וועג. וויפֿיל מי און מאַטערניש האָט זיך דאָס געדאַרפֿט אויסשטיין דער ניי־אויפֿגעקומענער יידישער וואָרט־קינסטלער ביז עס האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצואוואָרצלען דאָס ווילדגראָז, די קראָפּעווע פֿון דעם יונגן ליטעראַטור־גאָרטן; אויסצוראָטן די ווילדע אַנגליציזמען, דעם קאַלוואַריער דייטש, די בלינדע וואולגאַריזאַציע, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם גערעדטן און געשריבענעם יידישן וואָרט. סיי די אַנגליציזמען און סיי די דייטשמעריזמען האָט מען דאָך באַטראַכט אין יענער „גרינער" עפּאָכע, ווי אַמעריקאַניזאַציע, וועלטלעכקייט, ניי־מאָדישקייט. מען דאַרף זיך דאָך אויסגרינען, אויסמענטשלען זיך, האָבן אַ פּנים ביי לייט!

אין שייכות מיט דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך די סאַמע פּרימיטיווסטע באַגריפֿן פֿאַרוואַנדלט אין ערנסטע דיסקוסיעס, זיינען געוואָרן וויכטיקע פּראָבלעמען פֿאַר די „אַלטע" און די „נייע" וואָרט־שאַפֿער. די יונגע ערשט־אויפֿגעקומענע יידישע פּאָעזיע איז אַרויס אין אַן אָפֿענעם קאַמף מיט דעם אַזוי־גערופֿענעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און „שוויץ־שאַפּ" ליד, מיט דער גאַנצער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט דעם אויבנאָן אין דער טאָג־פּרעסע און די פּאָר וועכנטלעכע און חודשלעכע זשורנאַלן פֿון יענער צייט.

זייער טרעפֿלעך האָט מאָריס ראָזענפֿעלד באַצייכנט יענעם מין ליטעראַטור מיט דעם נאָמען „קאַזיאָנשטשינע". די אַלטע איינגעפֿונדעוועטע שרייבער פֿון דער אַזוי־גערופֿענער „קאַזיאָנשטשינע" האָבן באַטראַכט דאָס יידישע לשון — דעם פֿרעמדן „זשאַרגאָן" — ווי בלויז אַ דערווייליקן מיטל צום צוועק . . . ווער נויטיקט זיך אין דעם פֿרעמדן זשאַרגאָן? בקרוב וועט דאָך סיי ווי ווערן פֿון אַלע שטיינער איין שטיין, פֿון

אַלע גוֹיִים איין גוי און עס וועט זיין, ווי אין פסוק שטייט — גלייכהייט, פֿרייהייט און ברידערלעכקייט!

דער בונטאַרישער ניי־אונטערגעקומענער יידישער שרייבער האָט די ערשטע שלאַכט נאָך האַלב געוואונען, די ערשטע טראַנשייע אַרי־בערגעשפּרונגען. ער האָט אויסגעקעמפּט פֿאַר זיך אַן אָרט אין פּאַליש פֿון דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור. צום עמוד איז נאָך געווען היפּשלעך ווייט . . . ער, דער ערשט־אונטערגעקומענער יידישער שרייבער, האָט נאָך אָבער אַליין ניט געוואוסט קלאָר, וואָס ער וויל. ער איז נאָך אַליין געווען אַ שטיקל שטאָמלער, האָט נאָך אַליין געמאַמליעט . . . נאָר כדי צו באַרעכטיקן זיין שטאָמלעניש, האָט ער געזוכט צו מאַכן פֿון איר אַ מין קולט, אַ קולט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט מער אין דעם אינ־האַלט, איידער אין פֿאָרם און סטיל. די ערשטע גרופּע דיכטערס, וואָס האָט זיך גערופֿן מיט דעם פּרעטענציעזן נאָמען „די יידישע יוגנט״, צו וועלכער דער שרייבער פֿון די שורות האָט געהאָט די זכיה צו געהערן, האָט צווישן אירע פֿאָדערונגען, וואָס זי האָט געשטעלט די „אַלטע״, אונ־טערגעשטראָכן אין הויפּט־פּונקט: „פֿרייהייט פֿון וואָרט״, די „קאַזיאָנ־שטשינע״ זאָל אָפּגעקומען מיט דער „צענזור״, וואָרעם — „מיר זיינען דיכטער פֿון פֿרייען וואָרט. אויסער קלאַסנקאַמף און „שאַפּ־ליריקס״ איז דאָך אויך עפּעס פֿאַראַנען אַ גרויסע, ליכטיקע וועלט מיט כלערליי אַנדערע מענטשלעכע אינטערעסן״!

ב.

דער ענין „פּשטות״ — היינט שוין אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע זאַך — איז צו יענער צייט געוואָרן אַ טעמע פֿאַר דיסקוסיע. די שטאָמלע־ניש, פֿון וועלכער ניט אַלע האָבן נאָך באַוויזן זיך אויסצוהיילן, האָט אָפּט זיך געטשעפּעט, געהאַט פּרעטענזיעס צו די, וואָס האָבן נעבעך געשריבן „פּשטותדיק״, באשר פּשטות געהערט צו אַ נידעריקן קורס אין דער לי־טעראַטור. פּשטות מיינט רחמנא לצלן פֿאַלקסטימלעכקייט, פּרימיטיוו־קייט, אויבנאויפֿיקייט און איז סתם אַלטמאָדיש, אָפּגעלעבט. די העכסטע קונסט, האָט זי אַרגומענטירט, איז טיפֿער, קאָמפּליצירטער, סודותדיקער. ביים מאָדערנעם אמתן קינסטלער איז דאָס אינגעווייד זיינס ממש אַ קנויל פֿון פֿאַרוויקלטע, פֿאַרפּלאָנטערטע, מיסטעריעזע געפֿילן און געדאַנקען, די טיפֿערע סודות פֿון מענטש און וועלט לאָזט זיך ניט אַזוי גרינג אויפֿ־דעקן און זיך איבערגעבן. דעריבער ווענדט ער אָן קאָמפּליצירטע פֿאָר־מען, אַן אַנדער שפּראַך, אַן אַנדער סטיליסטיק, טיפֿערע חקירה אין פֿראַ־

צעס פֿון שאַפֿן. דאָס ליד טאָר ניט גרינג אויפֿגענומען ווערן פֿון דעם לייענער. ער דאַרף צולייגן קאָפּ, זיך פֿאַרטיפֿן אין אים . . .

איבעריק צו זאָגן, אַז יענע פּאָעטן זיינען מיט דער צייט אין זייער רייפֿונג אַליין דערגאַנגען צו לויטערער פּשטות. ס׳האָט אַנדערש ניט גע־קענט זיין.

דאָס פּשוטע וואָרט איז דאָך ביים רייפֿן קינסטלער סוף כל סוף דער וואונדערלעכער סוד אין זיין פּראָצעס פֿון שאַפֿן. וואָרעם אַלץ אין און אַרום אים איז דאָך סוד . . . דער ביסן ברויט, וואָס דו נעמסט אַריין אין מויל; דער אָטעם, וואָס דו ציסט אַריין אין די לונגען; דער חלום, וואָס דו חלומסט ביינאַכט; דאָס אויפֿזיין ביטאָג — זיינען דאָך ניט קיין קלענערע סודות, ווי דער גאַנג פֿון די שטערן, ווי דער אייביקער אומרו פֿונם ים, ווי דער אָנקום און דאָס פֿאַרשווינדן פֿונם שטורעמווינט. דו שטייסט געפּלעפֿט פֿאַר יעדער מינדסטער דערשיינונג אין דעם אוניווערס. אַלץ אַרום איז סוד און פֿאַרווירונג. און סוד איז דאָס וואָרט אַליין, דאָס וואָרט, וואָס דאַרף דיר דינען, ווי אַ שליסל צו אַלע סודות: גאָט, וועלט און מענטש.

זייער טרעפֿלעך דריקט זיך אויס אַלפֿרעד טעניסאָן בנוגע דעם ענין סוד. אין זיינס אַ ליד פֿון סך הכל זעקס שורות זאָגט ער:

בלימל אין דעם שפּאַלט פֿון וואַנט,
איך פֿליק דיך אויס מיט וואָרצל, פֿון דער טונקלעניש באַפֿרייט,
און האַלט דיך ווי דו ביסט מיט אַלץ און אַלצדינג אין דער האַנט.
קליינטשיק בלימל, וואָלט איך קענען מיט מיין מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד
באַנעמען, וואָס דו ביסט מיט וואָרצל און מיט אַלץ און אַלץ,
וואָלט איך געוואוסט שוין אויך, וואָס גאָט און מענטש באַטייט.

דאָס דאָזיקע דעליקאַטע בלימל וואָלט געקענט ווערן פֿאַר אים דער שליסל צו אַלע סודות פֿון דער וועלט, אָבער דאָס צאַרט בלימל קען ניט ווערן פֿאַר אים דער שליסל צו דעם מיסטעריעזן לעבן. דאָס סענסיטיווע געוויקסל בלייבט ניט ווינציקער סוד, ווי דער דריי טויזנט־יאָריקער בוים; דאָס זעמדל שטויב — ניט ווינציקער מיסטעריע, ווי דער גיבראַלטאַר. אַלץ אין און אַרום אים איז סוד און פֿאַרווירונג.

ג.

זינט כ׳האָב אָנגעהויבן צו דערקענען די וועלט און באַנעמען זאַכן ערנסט לויט מיין אייגענעם שכל, האָב איך ניט אויפֿגעהערט צו זוכן, ווי

אַ סך אַנדערע אוודאי, דעם וועג צו פֿאַרשטענדעניש, די סטעזשקע צום סודותדיקן, וויסנדיק, אַז דאָס וואָס איך זוך, וועל איך קיינמאָל נישט גע־פֿינען. געזוכט אָבער האָב איך פֿאַרט, מחמת די געדרייטע, פֿאַרפּלאָנ־טערטע וועגן און שטעגן, וואָס האָבן געפֿירט און וואָס פֿירן מיך נאָך היינט איבער מיינע בלאָנדזשענישן, זיינען אויסגעפּלאַסטערט מיט פֿאַרשיידנ־ערליי פֿאַרביקע סודות־שטיינדעלעך, וואָס דאָס אַליין הערט ניט אויף צו מאָניען, ציען און פֿאַראינטריגירן . . . „גיי, זע, קוק אויס, באַטראַכט — זאָגט איך צו מיין אויג — און זאָג מיר: איז דאָס שיין? איז דאָס גוט?“ האָט דאָך גאָט ברוך־הוא אַליין געטאָן דאָס אייגענע, ווי אין פּסוק שטייט: „וירא אלהים כי טוב“ און גאָט האָט געזען, אַז ס'איז גוט, האָט ער ערשט אויפֿן פֿערטן טאָג אויסגעשפּרייט זיין ליכטיקייט, כדי אַפֿנים בעסער צו זען די שיינקייט פֿון זיין נאָך ניט פֿאַרענדיקטער יצירה — די וועלט, — וואָס האַלט אין ווערן.

ד.

די חבלי־לידה, וואָס דער דיכטער לעבט איבער: פֿרייד, אַנגסט, גאַרונג, ספֿקות, אַנטוישונג, איז זיין סוד. דער, וואָס דאַרף געניסן פֿון זיין געשאַפֿן ליד, נאָוועלע, ראָמאַן, דראַמע, עסיי, איז אָבער ניט מחויב אויסצושטיין זיינע, דעם דיכטערס, געבורט־ווייען, וואָרעם וויפֿיל ווייסט ער וועגן זיי? פֿונדעסטוועגן וועט עס אויך אים ניט אָפּגיין גאָר גלאַט. אויך ער (ס'איז אומפֿאַרמיידלעך), וועט דורכגיין אַ היפּש ביסל שטערנ־קנייטשעניש, גאַרעניש, ישוב־הדעת, ביז ער וועט ווי געהעריק אויפֿ־נעמען דעם דיכטערס שאַפֿונג, וואָרעם דאָס סאַמע פּשוטסטע, האָבן מיר דאָך געשמועסט, איז דורכגעדרונגען מיט סוד . . . פֿאַרוואָס־זשע זאָלסטו, דיכטער, אים ניט פֿאַרשפּאָרן איבעריקע, ניט־נייטיקע מאַטערניש? אים ניט איינהיטן, כדי ער זאָל מיט וואָס מער הנאה קענען אויפֿנעמען דיין שאַפֿונג? איז דאָך דיין גאַנצע באַמיאונג אינם פּראָצעס פֿון שאַפֿן געווען צוליב דעם, אַז דו אַליין זאָלסט געניסן די פֿולע הנאה פֿון דיין אייגענער דערגרייכונג. איז דאָך דיין גאַנצע עובדא געווען אַליין צו פֿאַרשטיין, כדי פֿאַרשטאַנען צו ווערן.

כ'האָב געפֿילט, ווי איך פֿיל עס נאָך היינט, אַז דער, וואָס שאַפֿט דאָס ליד, די נאָוועלע, דעם ראָמאַן, איז מחויב, ווי עס איז דער בוים, צו צושטעלן דעם געניסער די פּירות זיינע רייף און צייטיק. האַרטע, טערפּקע פּרוכט ברענגט מען ניט אויפֿן מאַרק. אויף ניט־צייטיקע פּרוכט מאַכט מען ניט קיין שהחינו, וואָרעם אין דעם טעם, אין דער הנאה, וואָס דער געניסער פֿילט, בעת ער בייסט איין די פּרוכט, ליגט די באַרעכטי־

קונג פֿונם בוים . . . אין דער פֿולער הנאה פֿון פֿאַרשטאַנען ווערן — ליגט דער שכר פֿונם וואָרט־קינסטלער.

מהאי־טעמא האָב איך געשטעלט דעם טראָפּ אויפֿן פשוטן וואָרט, אויף דער קלאָרער שורה, אויף דער גאַנצקייט פֿון ליד. דאָס מיינט ניט אַגב, אַז דער לייענער האָט שוין גאַרניט געהאַט וואָס צוצוגעבן, וואָס בייצושטייערן פֿון זיין אייגענעם געמיט . . .

—„מיר זיינען אַלע פּאָעטן, ווען מיר לייענען אַ ליד גוט" זאָגט קאַרלייל זייער ריכטיק.

אַוודאי ווערט דאָ געמיינט — לייענען אַ גוט ליד גוט! ביז מען קומט אָבער צום גוטן ליד? . . .

„איך האָב אָנגעשריבן אַ צאָל ביכער, הונדערטער אַרטיקלען, און האָב אָבער ערשט דאָ לעצטנס אָנגעהויבן אַריינצוטראַכטן זיך אין די אייגנשאַפֿטן פֿון מיין געצייג, וואָס איך נוץ. עס איז אַ טשיקאַווער פֿאַר־זען, בעת דו נעמסט זיך אַריינטראַכטן אין דעם ענין. סטאָליאַרעס, מוי־ערערס און אינזשעניערן, וואָס גיבן קנאַפּ אַכטונג אויף זייער געצייג און אויף זייערע אינסטרומענטן, מיט וועלכע זיי אַרבעטן, זיינען אין די מער־סטע פֿאַלן ניט ביכלת אויפֿצושטעלן אַ דויערהאַפֿטן בנין. פֿונדעסטוועגן פֿאָלג איך נאָך דעם אָנגענומענעם פּראָצעס פֿון די מערסטע שרייבערס, וואָרעם בלויז איינצעלנע צווישן אונדז שענקען געגוג אויפֿמערקזאַמקייט זייער געצייג". — זאָגט סטואַרט טשעיס אין זיין זייער וויכטיק ווערק, „טיראַניי פֿון ווערטער".

חיים נחמן ביאַליק, דער גרויסער מייסטער פֿון פּאָעטישן וואָרט, דריקט זיך אויס נאָך קרעפֿטיקער בנוגע דעם „געצייג", וואָס דער שריי־בער נוצט:

„ס׳טרעפֿט, אַז אין אַן איינציק קליין וואָרט ליגט באַהאַלטן דאָס גאַנצע לעבנס־עסענץ, דאָס גאַנצע השארת־הנפֿש פֿון אַ טיפֿן פֿילאָזאָפֿישן סיסטעם, די אונטערשטע שורה פֿון אַ גאַנצער וועלט־רעכענונג. פֿאַראַן אַ וואָרט, וואָס האָט בשעתו באַזיגט פֿעלקער און לענדער, קעניגן אַראָפּ־געזעצט פֿון זייערע טראָנען, אויפֿגעטרייסלט די יסודות פֿון ערד און הימל". (פֿון דער עסיי „אונטערן פֿאַרהאַנג פֿון שפּראַך", איבערגעזעצט פֿון י. י. שוואַרץ).

היינט גיי, רייד פֿון גוטן ליד, אַז דאָס גוט וואָרט איז אַזאַ יקר־המציאות!

זיכער זיינען ביאַליקס ווערטער אויך חל אויף דער שורה און פֿאַרוואָס ניט אויף דעם גאַנצן ליד?

סיי טשעיס און סיי ביאַליק שטעלן גאָר אַ סך אויפֿן וואָרט. דאָך

דאַרפֿן מיר ניט אָננעמען, אַז דאָס וואָרט אַליין איז דער גאַנצער עיקר. געוויס איז עס דאָס ערשט־וויכטיק געצייג פֿאַרן פּאָעט, ווען ער טרעט צו צו בויען זיין בנין, דאָך פֿאַרמאָגט עס פֿאַרט ניט דעם גאַנצן כוח צו באַווייזן אַלע זיבן וואונדער . . . דאָס יחידיש וואָרט נויטיקט זיך אין דער חברותא פֿון אַנדערע ווערטער, וואָס דאַרפֿן ווי פּערל אַרויפֿגעסי־לעט ווערן אויף איין שנירל — די שורה. די שורה ווידער נויטיקט זיך אין אַ צאָל אַנדערע שורות, לאַגיש צונויפֿגעבונדן, צוזאַמענגעשטעלט מיט אַ טאַלק, מיט אַ סדר, כדי עס זאָל זיך באַקומען אַ גאַנצע פּאָסמע, צונויפֿגעבלענדט האַרמאָניש אין איין האַלדזבאַנד — דאָס ליד.

ה.

איך שטעל, קאָן זיך דאַכטן, צופֿיל אויפֿן וואָרט, ווי אויך אויף דער שורה. אמת טאַקע, אַז אין חשיבות פֿון וואָרט ליגט דער גאָר היפּ־שער חלק, וואָס גיט צושטייער צום עיקר, צום אינערלעכן וועזן פֿון ליד. פֿונדעסטוועגן איז דער ענין: געמיט, שטימונג, פּאָעטישער חיות, פֿאַרב, קלאַנג, ליכט, שאָטן — מיט איין וואָרט — אינהאַלט, אַ גאָר־וויכטיקער קאַפּיטל פֿאַר זיך אַליין. עס ווענדט זיך פֿאָרט אָן דעם, וואָס זאָגט אונדז דאָס ליד; וואָס קען און וואָס מעג עס אַריינגעמען אין זיך — בקיצור, וואָס איז די עובדא פֿון דעם ליד.

„צו דערגרייכן דאָס רייפֿסטע ליד איז דער וואונטש פֿון יעדן פּאָעט. אָבער דאָס רייפֿסטע ליד, חלומט יעדער פּאָעט, דאַרף זיין דער שלימות־דיקער אויסדרוק פֿונם טיפֿסטן געמיט, פֿון דער עיקר־אידייע צוזאַמען מיט די ווייטסטע שיכותן און רמזים. אַזאַ ליד דערציילט אונדז אויך, אַז דער פּאָעט האָט דערגרייכט דאָס ווייט־גייענדיקסטע, דאָס ווייט־דער־גרייכנדיקסטע פֿון די מיטלען זיינע, מיט וואָס ער איז באַשאַנקען" — זאָגט אונדז דער דיכטער־עסייאיסט נ. ב. מינקאָוו.

ו.

צענדליקער פֿאָדערונגען ווערן געשטעלט דעם דיכטער. וואָלט ער געוואָלט זיי אַלע נאָכקומען, וואָלט ער עס שווערלעך געקענט באַווייזן, סיידן ער זאָל אָנשטעלן איינעם אָדער מערערע אַרויסהעלפֿערס . . . סיווי איז ער אַליין אפֿשר צום ווינציקסטנס ביכולת צו פֿאַרענטפֿערן אַלע פּאָעטישע קשיות. פֿאַראַן אָבער, אַ דאַנק גאָט, גוטע און קאָמפּע־טענטע ליטעראַטור־עקספּערטן, וואָס קומען אייך צו דינען, ווען נאָר איר נויטיקט זיך אין זייער מיטהילף.

„ליטעראַטור איז דער פּאַרזוך, די באַמיאונג פון מענטשן זיך צו גערעכטפערטיקן פאַר די עוולות, וואָס ער באַגייט אין זיינע אומשטענדן" — זאָגט עמערסאָן. אין אַנדערע ווערטער קען עס מיינען: אין זכות פון קינסטלערישן וואָרט זוכט דער מענטש מחילה, פאַרגעבונג פאַר זיינע זינד, געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין עקזיסטענץ אין די אויגן פון גאָט. „זע, גאָט דערבאַרעמדיקער! איך ווייס, וואָס דו פאָדערסט פון מיר, דיין קנעכט. איך פאַרשטיי דעם זין פון לעבן . . . נאָר וואָס זאָל איך פאָרט טאָן, אַז דו שטעלסט מיר אַוועק פאַר די אויגן אַזעלכע פאַרפירערישע נסיונות, וואָס איך קאָן מיט מיין אייגענעם כוח זיי ניט ביישטיין! פאַרנעם מיין חרטה און פאַרגיב!

ראָבערט לואיס סטיווענסאָן שטעלט דעם שריפטשטעלער נאָר איין תנאי: „בלויז איין מעלה איז כדאי צו באַטראַכטן אין דעם מענטש-פון-וואָרט — שרייבן גוט; און נאָר איין פאַרדאַמונג-משפט פאַר שרייבן שלעכט". איין באַדינג — שרייבן גוט! מאַכט ניט אויס וואָס און ווי ער שרייבט, וואָרעם אין העכסטער קונסט איז שוין במילא פאַראַן: מאָראַל, יושר, אמת, עטיק, שענקייט, עלית-נשמה, און פאָלגלעך — קינסטלערישע שלימות.

אָט די אַלע ערשט-אויסגערעכנטע שיינע ווערטער זיינען ביי אונדז אין אַמעריקע ניט אַלעמאָל אויסגעטייטשט געוואָרן לויט אַלעקסאַנדער האַרקאַוויס יידיש-ענגלישן ווערטערבוך און אפילו ניט לויט די אויטאָריטאַטיווע פאַרטייטשונגען פון דער בריטאַניקע. פאַרשיידענע טייטש-גילגולים איז זיי באַשערט געווען דורכצוגיין אין די ערשטע איינוואַנדערונג-יאָרן פון די אַכציקער-ניינציקער. יעדע פאַרטיי, פּאָליטישע באַוועגונג, אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, ליטעראַרישע ריכטונג האָט זיך געטייטשט די דערמאָנטע באַגריפן לויט זייערע קאָנסטיטוציעס און פראָגראַמעס. אייניקע פון די דערמאָנטע שיינע ווערטער זיינען לכתחילה ניט אַריינגעלאָזן געוואָרן אין דעם „גרינעם" ליטעראַטור-גאָרטן פון יענער צייט. געטאָן געוואָרן איז עס ניט חלילה מחמת שלעכטסקייט, נאָר צוליב פראַקטישע טעמים. גאָר פשוט: — מיר האַלטן אין בויען דאָ אַ נײַ יידיש-געזעלשאַפטלעך לעבן. אַזעלכע באַגריפן, כשר אויסגעטייטשט, זיינען פאַר אונדז ממש שעטנז . . . בעת מען בויט אַ נייע וועלט — איז געווען די טענה, איבערהויפּט פון די ראַדיקאַלע יידישע עלעמענטן — קען מען זיך ניט פאַרגינען דעם לוקסוס פון שפילן זיך מיט סתם שיינע, פליטערדיקע ווערטער. פאַראַן בילכערע זאַכן!

און אַז די ערשטע בונטאָווטשיקעס, באָווש אָווער און מאָריס ראָזענפעלד, האָבן זיך דערלויבט אַ קאַפּעטשקע אָן עפן-טאָן די פאָרטקע פון דעם „גרינעם" ליטעראַריש-ראַדיקאַלן גאָרטן פאַר די עטלעכע פון

די דערמאָנטע פֿאַרשטויסענע באַגריפֿן, האָט זיך שוין בינו־לבינו אַרײַנגעגנבעט צוערשט די „זיסע" נאַכטיגאַל, נאָך איר — דער „סומנער" סאָלאָווײ און דער „טרילנדער" קאַנאַריק. די האַרפֿן און די לירע — בײדע גאָלדענע, פֿאַרשטײט זיך — האָבן זיך אויך אַרײַנגעשלײכט און זיך פֿאַנאַנדערגעצימבלט. די דאָזיקע פֿריער־דערמאָנטע עופֿות האָבן צו יענער צײַט געהאַט אַ טבע זיך צו פֿלאָדיען, ווי די קראָליקעס להבדיל, און די יידישע גאַס איז פֿול געוואָרן מיט זײ. די האַרפֿע און די לירע, ווי עכט־יידיש־קלעזמערישע אינסטרומענטן, זײַנען באַלד אַזוי פּאָפּולער געוואָרן, אַז קײן יידישע חתונה האָט ניט געקענט אויסקומען אָן זײ . . . צום רומל האָט, פֿאַרשטײט זיך, שוין געפּאַסט אַ בוקעט פֿון אומשולדיק־ווײַסע ליליעס, אַ גאָלדענער כוס מיט רויטן ווײַן און אַ ליבעס־לידל אַלאַ הײַנע.

און אַז גאָט האָט געהאָלפֿן און דער „מיסטער", דער גאָלד־שפּינער, האָט געבראַכט „פּײדע" פֿון „שאַפּ", און די „מיסעס" האָט געקאָנט אָפּצאָלן דעם צוריקשטײענדיקן „רענט" פֿאַרן „פֿלעטל" פֿון דרײַ „רומס", און אין „בײסמענ" איז נאָך געלעגן אַ שפּאָר ביסל קוילן, און דאָס „באָיטשיקל" האָט נאָך צוגע„פּעדלט" מיט „פּײפּערס" נאָך „סקול", האָט זיך די נאַכטיגאַל אַרומגעשפּאַצירט אין „יאַרד", ווי אַן אמת־כשר עוף אויף שבת, און דער קאַנאַריק האָט „געטרילערט" אין „בעדרום" בײַ דער „מיסעס" צוקאָפּנס — „עפּטער טהי באָל איז אָווער", און די ווײַסע צאַרטע ליליעס האָבן געבליט אויף אַלע „פֿײַערעסקײפּס" פֿון עלען און קריסטי גאַסן, און די האַרפֿע האָט אין די זומער־נעכט אַרונטערגעצימבלט פֿון אַלע „רופֿס" פֿון די „טענעמענט"־הײַזער איבער דער גאַנצער לענג און ברײט פֿון דער „איסט־סײַד". מיט אײן וואָרט, ס'איז געווען: „אָלע־רײַט" אין אַמעריקע.

ערנסט גערעדט — ס'האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט זײַן. עפּעס האָבן מיר דאָך געדאַרפֿט האָבן אַ פּנים בײַ לײַטן! וואָדען? זיך ווײַזן אין אַ פֿאַרשמאָלצעוועטן אַרבע־כנפֿות, אַריבערגעלאָזט איבער די הויזן און האָבן אַ פּנים פֿון חוזק בײַ דער וועלט? און אַז שוין יאָ אַ ליטעראַטור, דאַרף מען אויסבאָרגן אַ קאַפּ געווירץ בײַ פּושקינען, לערמאָנטאָוון, נאַדסאָנען, טורגעניעוון און טשעכאָוון — פֿאָרט לאַנדסלײַט! . . . און וואָס איז עפּעס מכח הײַנען? ער איז דאָך שוין גאָר אַן אײגענער! . . . מיט דער צײַט, אַז גאָט ברוך־הוא וועט העלפֿן, וועט מען זײ אָפּגעבן מיט פּראָצענט. גאָט איז אַ פֿאָטער, און מיר זײַנען בטוחים, וואָרעם אונדזער יידישע ליטעראַטור וועט אם ירצה השם ווערן גרויס און שטאַרק, און רײַך . . .

אונדזער ערשטער אָדערויף אויפֿן חוב איז געווען פּראָפֿעסאָר לעאָווינערס ענגלישע איבערזעצונג פֿון אונדזער מאָריס ראָזענפֿעלדס „געטאָ־

לידער", בערטאָלד פּיוולס דייטשע איבערזעצונג און פּראָפֿעסאָר ווערכ־ליצקיס איבערזעצונג אין טשעכיש און נאָך אייניקע פּרעמד־שפּראַכיקע איבערזעצונגען פֿון די „געטאָ־לידער". מאָריס ראָזענפֿעלד, דער „דזשוּאיש טיילאָר", איז באַרימט געוואָרן אין דער גאָרער וועלט, און אויך מיר אין זיין זכות . . . די גויים האָבן געזאָגט: — ד י נ ו ! אונדזער קור־יאָזיטעט איז געזעטיקט. פֿאַר אַ מוסטער איז דאָס גענוג.

ס'האָט אַנדערש ניט געקענט זיין אין אַזאַ דור־הפּלגה צייט אין דעם לאַנד פֿון ערב־רב. אין אַזאַ מטושטשדיקער צייט איז גאָר ניט אַזוי גרינג געווען פֿאַר אַן ערנסטן אַספּיראַנט, וואָס האָט געגאַרט צו ווערן אַ מיטגליד אין דער יידישער ליטעראַטור און מיטזינגען אין כאָר, זיך צו צושלאָגן צום ליטעראַרישן עמוד . . .

וויפֿל איז דאָס דער אָרעמער מאָריס ראָזענפֿעלד ניט אויסגעשטאָ־נען אין יענעם „גרינעם" דור, בעת ער האָט זיך איינגעשטעלט צו רע־וואָלטירן קעגן דער „קאַזיאָנשטשינע"! ניט געקוקט אויף זיין באַרימט־קייט, האָט מען אים יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק געשלעפּט צו אַ דין־תורה, הלמאי ער איז איין און דערזעלבער צייט: סאָציאַליסט, אַנאַר־כיסט, נאַציאָנאַליסט, ירא־שמימניק און גאָט־לעסטערער. ראָזענפֿעלד האָט זיך אויסגעטענהט, זיך געקריגט, געזידלט און געענטפֿערט:

איר פֿרעגט ביי מיר, וואו איך באַלאַנג,
וואָס מיך דערפֿרייט און מיר טוט באַנג?
אָ, הערט די נאַכטיגאַלס געזאַנג!
אָט גיסט זי אויס איר זיסן גוסט
אויף אַ געשמאַקן בלומענקוסט,
און אָט פֿאַרגייט זי פֿאַר געוויין
דאָרט ערגעץ אויף אַ הוילן שטיין . . .
אָט פּייפֿט זי פֿריי אין גרינעם וואַלד
און אָט הילכט פֿון אַ חורבה באַלד
אַרונטער איר פֿאַרכשופֿט קול.
זי זינגט דעם באַרג, זי זינגט דעם טאָל.

אַזוי זינג איך מיין ערלעך ליד
אַוואו עס וועלקט און וואו עס בליט —
האָב קיין באַשטימטע ריכטונג ניט.
איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל.
אין יעדער ליד איז אַ געפֿיל.
איך קלער ניט וואָס, איך קלער ניט ווען.

אַט פּלוצים גיט אין האַרץ אַ ברען,
עס גיט אַ קלעם, עס גיט אַ שפּאַר,
אַמאָל די פרייד, אַמאָל דער צער.
דאָס קומט פֿון האַרץ און ניט פֿון קאָפּ,
און די נשמה נאַרט ניט אָפּ.

היינט גיי, קום אויס מיט אים! . . . ביז ער האָט גאַר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און האָט רעזיגנירט.

—פֿאַרלאָשן איז דער שטאַרקער פלאַם,
באַזיגט פֿון ווילדן לעבנס־ים —
ער איז דעם שיקזאַלס קרבן.
איצט קוקט מיין טרויער קאַלט אַראָפּ,
פֿון האַרצן — ניט, ער קומט פֿון קאָפּ.
דאָס האַרץ איז מיר געשטאָרבן.

און דאָס איז ניט געווען קיין סתם מליצה. מאָריס ראָזענפֿעלדס האַרץ איז געשטאָרבן מיט יאָרן פֿריער איידער ער האָט זיינע טונקל־ברוינע אויגן צוגעמאַכט אויף אייביק . . . ער איז ניט געווען דער איינציקער „שיקזאַלס קרבן״. באָוושאָווער איז אין די יונגע יאָרן געשטאָרבן אין אַ היים פֿאַר גייסטיק־קראַנקע, דאָס אייגענע — א. מ. שאַרקאַנסקי. נ. באַבאַד און בנימין ראָזענבלום זיינען געשטאָרבן פֿון שווינדזוכט אין די יונגע יאָרן. אַ ביטערע צייט, אַ שווערע, כאַאָטישע סביבה געווען. דער קאַפּיטל פֿון יענע ערשטע פּיאָנערן אין אָנהויב פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע דאַרף ערשט געשריבן ווערן.

אָט אין אַזאַ צייט האָב איך, דער אַספּיראַנט אויף דער גדולה צו ווערן אַ יידישער פּאָעט אין אַמעריקע, געדאַרפֿט שטעלן מיינע ערשטע טריט אויף דעם וועג, וואָס פֿירט אַרויף צום פּאַרנאַס . . . (מיינע ערשטע צוויי לידער זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין „פֿאָרווערטס״, אונטער דער רעדאַקציע פֿון דעם ליבן מענטשן משה קאַץ, דעם 2טן יאַנואַר, 1900).

ז.

וואָס איז געווען צו יענער צייט די יידיש־דיכטערישע טראַדיציע אין אַמעריקע? — שמעון פרוג, אויף יענער זייט ים, האָט דאָס ניט געקענט ווערן פשוט דערפֿאַר, ווייל ער איז געווען צו נאַציאָנאַליסטיש, צו טראַדיציאָנעל־יידיש, צו היים־ציוניסטיש פֿאַר אונדזער יידיש־ראַדי־

קאַלן וועלטל. פֿרוג האָט דעריבער ניט געקענט ווערן דער איינפֿלוס, וואָס זאָל באַווירקן די נאָר וואָס אויפֿגעקומענע יידישע דיכטונג אין אַמע־ריקע. פֿאָלגלעך איז דאָס געוואָרן — עדעלשטאַט־באָוושאָווער־ווינטשעווס־קי. „רפֿאל נעריצך" פֿון אַב. קאהאן איז געוואָרן אונדזער דערוויילקע תורה און בנימין פֿייגענבוימס „כשר און טריף" — אונדזער נייער שלחן־ערוך. אונדזער יידיש וואָרט האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דעם לאַסט־וואָגן פֿון דלות און דחקות . . . איז וואו האָט זיך געפּאַסט אַהער אַ גע־שפּאַן מיט מעשענע ספּראַנדזשקעס און מיט זילבערנע קנעפּ, גאַלאַנזשן און גלעקער? פֿאַר אַזאַ געשפּאַן איז גענוג געווען אַ פּאָר יוכטענע לייצעס און אַ קלאַטשענע בייטש . . .

אַזאַ פּנים האָט דאָס טאַקע געהאַט אונדזער יידיש לשון, און אַזאַ לשון האָט זיך טאַקע געפּאַסט צום פּנים פֿון דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור.

אויף אַזויפֿיל האָב איך שוין דאַן פֿאַרשטאַנען, אַז עס טויג ניט! . . . אַזעלכע אָנצוהערענישן האָבן זיך שוין צו יענער צייט געלאָזט אָפּט הערן אין דער נייער ליטעראַטור אין אַמעריקע. האָב איך זיך מישב געווען: שוין בעסער נוצן מיין פּשוטן פּאָדאָליער לשון, וואָס איך האָב געהערט אין הויז פֿון מיין טאַטן דעם מילנער. דאָס לשון, וואָס איך האָב וואויל געקענט און האָב זייער ליב געהאַט.

מיין שטראָף פֿאַר אַזאַ איינשטעלעניש איז געווען — „פֿאָלקסטימ־לעכער פּאָעט", רחמנא לצלן. אַזאַ איינער האָט לויט דער דעמאָלטיקער השגה שוין געהערט צו אַ נידעריקערן קורס אין דער פּאָעזיע פֿון יענער תקופֿה. געטרייסט האָב איך זיך מיט דעם, וואָס אין אונדזער פּאָעזיע בין איך ניט געווען דער איינציקער פֿון דעם מין . . . געווען נאָך אַנ־דערע און דווקא דיכטער עלטערע פֿון מיר, וועלכע מען האָט באַטיטלט מיט דעם נאָמען „פֿאָלקס־דיכטער", „פֿאָלקסטימלעכע פּאָעטן". אויך זיי האָבן זיך געפֿילט געקריוודעט. אַ שטיקל טרייסט איז דאָס געווען — צרת רבים, חצי נחמה.

ח.

ווי אַנדערש עס זעט אויס אונדזער יידישע ליטעראַטור אין אַמע־ריקע היינט צו טאָג! דאָס וואונדערלעך יידיש וואָרט האָט ממש באַוויזן מופֿתים. אַ בליענדיקער גאָרטן איז אויפֿגעגאַנגען פֿאַר אונדזערע אויגן. אַ היפּש ביסל עוואָלוציעס האָט עס דורכגעמאַכט: נייע ריכטונגען, דרייסטע ענדערונגען, רייפֿע דערגרייכונגען — „אַלטע", „יונגע", „אינ־זיכיסטן", „פּראָלעטפּעניקעס", „אימאזשיסטן" און נאָך אַנדערע „איסטן". אפֿילו גראָב־ריידעריי איז דאָך אויף אַ קורצער ווייל געוואָרן אַ מין שטה.

יעדע ריכטונג, יעדע גרופּע האָט צוגעטראָגן איר חלק צו דער ליטע־ראַטור. דאָס גוטע פֿון יעדער ריכטונג אָנגענומען, דאָס ניט גוטע אָפּ־געוואָרפֿן.

אין אַ משך פֿון פֿופֿציק יאָר איז אונדזער יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איינגעלאָפֿן אַ מהלך־רב. ביי אַנדערע פֿעלקער האָט אַזאַ שפּאַן געדויערט דריי מאָל אַזוי לאַנג.

אַז איך ציטיר איצט, ברענג ראיות פֿון יידישע און ניט־יידישע וואָרט־קינסטלער, קלינגען זיי מיר, ווי זיי וואָלטן דערגאַנגגען צו מיר פֿון עפּעס אַ ווייט־ווייטער וועלט, אַריבער די רוקנס פֿון צענדליקער דורות. איך האָב דעם געפֿיל, ווי איך וואָלט געשטאַנען אויפֿן דעק פֿון אַ שיף, וואָס דער שטורעם האָט פֿאַרטראָגן ווייט אין ים אַריין. איך זע קוים אָן דעם ברעג, וואָס איך האָב אָקאָרשט פֿאַרלאָזן . . .

ט.

ביי אונדז איז שוין היינט ניט קיין נייס אפֿילו צו הערן אַזעלכע „אַפּיקורסישע״ רייד, ווי די וואָס מיר הערן פֿון אונדזער אייגענעם קרי־טיקער, ש. ניגער, וואָס זאָגט אין זיינער אַן עסיי: „אמתע צייט־דיכטונג זוכט צו באַהערשן די צייט, ניט בלייבן פֿון איר באַהערשט״.

ווי לאַנג צוריק ערשט איז עס געווען ממש אַ חוק ולא יעבר, אַז דער וואָרט־קינסטלער איז מחויב צו דינען דער צייט, אָפּשפּיגלען דאָס לעבן מיט קנעכטישער געטריישאַפֿט. איך בין זיך מודה, אַז איך דער־הער דעם קלאַנג „אָפּשפּיגלען״, יאַוועט זיך פֿאַר מיינע אויגן דאָס בילד פֿון דעם פֿאָטאָגראַפֿשטשיק מיט זיין אַפּאַראַט, איבערגעדעקט איבערן קאָפּ מיטן שוואַרצן טוך . . . ווער קען נאָך אַזוי ווי ער געטריי און מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט אָפּפאָרטרעטלען, אָפּשפּיגלען מענטשן און זאַכן? דאָך איז דאָס ניט מער ווי אַ מעכאַנישע קונסט. אַ סך נעענטער צום האַרצן איז אונדז אוודאי דער אַרטיסט־מאָלער מיט זיין פֿאַרב און פּינזל. ווען אונדז זאָל אפֿילו שווערלעך זיין צו דערקענען געטריי דעם קעגנשטאַנד, וועלכן ער מאָלט, וועלן מיר אָבער אנערקענען זיינע קינסטלערישע באַ־מיאונגען, די פֿריי אינדיווידועלע שטרעבונגען זיינע אונדז איבערצוגעבן זיין וועלט, ווי ער זעט זי, ווען אפֿילו זי איז ניט, ווי מיר גאַרן זי צו זען.

ניט „אָפּשפּיגלען״, דאַכט זיך מיר, איז דער קינסטלער מחויב די וועלט, נאָר זי אַרויסשפּיגלען פֿון זיך מיט אַן אייגענער אַרומשטראַלונג, מיט אַן אייגענער אויסטייטשונג.

דער וואָרער פּאָעט זעט מיט אַן אינערלעך פֿאַרבאָרגן אויג די

וועלט, ווי זי דאַרף זיין. וואָרעם ווי זי איז, איז זי אין אַלע צייטן, אי־בערהויפּט אין דער איצטיקער, אונדז ניט איבעריקנס שטאַרק געפעלן.

אוודאי ווערט דער יידישער קינסטלער באַאיינפלוסט פון דעם אַרומיקן לעבן און נאָך מער פון דער וועלט־ליטעראַטור, אָבער נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפיל עס האָט אַ שייכות מיט די אויסערלעכע פאָרמען און מאָדערניזמען. ווען עס קומט אָבער צום תוכן, צום אינהאַלט, איז ער שטרענג אָפּגעהיט, מחמת ער איז דאָך פאָרט דער שליח ציבור פון אַ פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט, אַ מיעוט אומעטום, אין יעדן לאַנד. ווי גרינג איז עס פאַר אים פאַנאַנדער־צוגיין זיך ווי זאַלץ אין וואַסער!

אַזוי אָפּגעהיט איז דער יידישער קינסטלער, אַז ער מיידט אפילו אויס צו באַרירן אַ „זייטיקע" טעמע, ווי אַ זייער־חשובער קריטיקער האָט דאָ אַנומעלטן באַצייכנט מיינס אַ ליד, וואָס האָט רחמנא לצלן גע־שילדערט אַ גויאישן „האָומסטעדער". דאָס ליד איז אים דווקא געפעלן, נאָר די טעמע איז אַ „זייטיקע". די אורזאַך פאַרוואָס ער האָט באַטראַכט מיין ליד ווי אַ „זייטיקס" ליגט שוין אין דער טבע פון דעם יידישן מענטש פון וואָרט. ער וויל דורכאויס בלייבן טריי דער יידישער קונסט, וואָס לעבט אין גלות צווישן פרעמדע קונסט־איינפלוסן.

קוקן מיר זיך צו מיט ניכטערע אויגן צו דעם צוזאַמענלעבן פון פעלקער אין דער וועלט, זעען מיר, אַז יעדער פאָלק באַזונדער איז גאָר ניט אַזוי להוט אַריינצוזאַפּן אין זיך אַ צווייט פרעמד פאָלק, קאָן ניט פאַרליידן די השפעה פון פרעמד בלוט, קאָן ניט דולדן, אַז אַ קינסטלער פון אַ פרעמדער ראַסע זאָל זיך מישן אין איר קולטור, אין איר קונסט, מעג ער זיין פון וואָס פאַר אַ הויכן ראַנג. ווער ווייסט עס נאָך אַזוי גוט ווי מיר יידן? וויפיל מאָל האָט מען שוין אונדז געגעבן אָנצוהערעניש: מוחל, איר פאַרדאַרבט אונדזער לשון, פירט אונדז איבער אונדזער סטיל? . . . טראָגט אַריין אַ פרעמד געמיט אין אונדזער קונסט. . . .

„לויט מיין מיינונג האָט קעניג דזשיימס' ביבל אויסגעאיבט אַ פאַר־דאָרבלעכן איינפלוס אויף דער ענגלישער פּראָזע. איך בין גאָר ניט אַזאַ תם, אַז איך זאָל פאַרלייקענען די גרויסע שענקייטן אירע. עס איז אַ מאַ־יעסטעטיש בוך. ס'איז אָבער פאָרט אַן אָריענטאַליש בוך. זיין פרעמדע בילדלעכקייט האָט גאָרניט צו טאָן מיט אונדז". — זאָגט וו. סאָמער־סעט מאָהם, באַרימטער ענגלישער נאָוועליסט, אין זיין ווערק „סך־הכל" — און דאָס זאָגט איינער, וואָס געהערט צום פאָלק, וואָס גילט אין דער וועלט אַלס דאָס פאָלק פון דער ביבל!

אַ סך שטרענגער נאָך האָבן זיך באַצויגן אונדזערע תלמידי־חכמים און וואָרט־קינסטלער פון די אַלטע צייטן צו די איינפלוסן פון פרעמדע

פֿעלקער סיי אויף אונדזער קולטור, סיי אויף אונדזער קונסט. ניט נאָר האָבן זיי ניט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך מישן אין אונדזער קולטור און אין אונדזער קונסט, נאָר זיי האָבן פֿיינט געהאַט בתכלית השנאה, ווען אונדזערע קולטור־ווערטן האָט מען אַריבערגעטראָגן אין זייערן אַ לשון....

„דער טאָג, וואָס די תורה איז איבערגעזעצט געוואָרן אין גריכיש, איז געווען שווערער פֿאַר אונדזער פֿאָלק, ווי דער טאָג, ווען דער עגל איז געמאַכט געוואָרן. אין ארץ ישראל איז דריי טעג געווען חשך״. און „אַז די נביאים זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין אַראַמייאיש, איז ארץ ישראל אויפֿגעטרייסלט געוואָרן . . .״ (הגדה).

אוודאי האָט זיך אונדזער קוק אין דער מאָדערנער צייט היפּש געענדערט ביטן בנוגע פֿרעמדע איינפֿלוסן אויף אונדזער קולטור און ליטעראַטור. פֿונדעסטוועגן איז נאָך דער מאָדערנער יידישער קינסטלער אַלץ שטאַרק אויסגעהיט פֿון פֿרעמדע איינפֿלוסן, איז אָפּגעשלאָסן איבערהויפּט, ווען עס קומט צום תוך, צום אינהאַלט.

דער ניט־יידישער טיפּ איז דאָך שטענדיק אַ „זייטיקער״ עלעמענט אין אונדזער יידישער ליטעראַטור. אין די מערסטע פֿאַלן איז ער דער שבת־גוי, וואָס נעמט אַראָפּ די לייכטער ביי אונדז פֿון שבתדיקן טיש. (מיר קאָנען זיך פּשוט ניט באַגיין אָן אים!) דער גלח, ימח שמו, וואָס וויל ניט אַנדערש ווי נאָר אָפּשמדן אונדזערע פֿרומע טעכטער; דער פּריסטאַוו, וואָס האָט ליב אונדזערע שבתדיקע געפֿילטע פֿיש און אונדזער כאַבאַר . . . וועלכער יידישער שרייבער וועט דאָס נעמען דעם גוי פֿאַר זיין „העלד״? (אַן אויסנאַם דאַרף געמאַכט ווערן פֿאַרן יידישן דראַמאַטורג, וואָס נעמט זיין טעמע פֿון אַלטע היסטאָרישע עפּאָכעס).

די פֿאָר גויים אין י. י. שוואַרצ׳ס פּרעכטיקער עפּאָפּייע „קענטאָקי״ זיינען דאָך בלויז זייטיקע פֿאַרשוינען, כדי ווי היינטערשאָטנס אַרויסצוצייכענען זיינע יידישע העלדן. דאָס אייגענע איז ביי ראַבאַי, אָפּאַטאָשו, גלאַזמאַן, שלום עליכם, רייזען און ביי אייניקע אַנדערע יידישע שריפֿט־שטעלער, בעת אין דער ניט־יידישער ליטעראַטור פֿון דער וועלט איז דער ייד אָן אָפֿטער גאַסט, אפֿילו דער סאַמאַראַדנער „העלד״: קריסטאָפֿער מאַרלאָוס „דער ייד פֿון מאַלטאַ״, שעקספּירס „שיילאָק״, יודשין סיוס „דער וואַנדערנדיקער ייד״, זשאַרזש עליאָטס „דניאל דעראָנדאַ״, אַרזשעשקאָס „מאיר עזאָפֿאָוויטש״, טשאַרלס דיקענס „אָליווער טוויסט״, לעסינגס „נתן החכם״. דאָס אייגענע ביי טורגעניעוו, גאָרקין, טשיריקאָוו און ביי נאָך אַ צאָל אַנדערע פֿרעמד־שפּראַכיקע שריפֿטשטעלער. אין די מערסטע פֿאַלן ווערן אונדזערע יידישע העלדן געצייכנט מיט כמורנע־גרויער פֿאַרב.

י.

ביי דער גאַנצער ביטערער דאָליע אונדזערער האָבן מיר פאָרט ניט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. אונדזערע יידישע שיין־שרייבער האָבן ניט אָפּ־געווענדט די אויגן פון די שענקייטן פון דער נאַטור. אונדזערע עלטערע וואָרט־מייסטערס, די קלאַסיקער, האָבן דאָך די נאַטור ממש געיידישט . . . איר אָנגעטאָן טלית און תפילין. ביי אונדזער זיידע מענדעלע טראָגט טאַקע די סאָראָקע „אַ ווייס טליתל מיט פּאַסן תכלת פּאַרנט און דאַוונט שאָקלענדיק זיך . . . זי בוקט זיך, פּאַלט תחנון". דער בוים שטייט ביי אים שמונה עשרה. דער סאָלאָוויי ווערט ביי אים אַ „וואַלד־כליזמרל", דער סימבאָל פון אַ בעל תפילה, וואָס האַלט אין איין מתפלל זיין, רירן דאָס יידישע האַרץ ממש ביז טרערן . . .

ביי ש. פרוג איז „די נאַטור מקים די הייליקע מצוה נטילת ידים". „די פייגעלעך דאַוונען שחרית" . . . „אָט וואו נאָר אַ וועלדל — אַ כאָר־שול". די גאַנצע נאַטור איז מיט אים:

„דער ווינשטאָק איז מיט מיר מתפלל
אויף טל־ומטר אין דער צייט,
די וועלדער זאָגן מיט מיר הלל;
עס קלינגט און זינגט פון יעדער זייט.

דער שטורעם העלפט מיר בלאָזן תקיעות,
ער האָט אַ שופר גאָר אַ פּראַכט —
און הערן ממש איז אַ חיות
זיין בלאָזן אין אַן אָסיען־נאַכט.
מיר זינגט די זון מכלכל חיים,
הושענות שלאָגט דערווינט ביים טייך — — —

דער מאָדערנער יידישער פּאָעט קוקט שוין אפילו מיט אַן אַנדער אויג אויף גאָטס וועלט, מיט אַן אָפן אויג פון באַוואונדערונג, דאָך מאָלט ער זי אויף זיין יידישן שטייגער; די יידישע פרייד און דער יידישער טרויער איז כמעט שטענדיק דער אונטערטאָן, דער לייט־מאָטיוו פון זיין ליד, וואָס באַזינגט די נאַטור. ער האַלט שוין אפילו לאַנג ניט פון דער הלכה, וואָס זאָגט: — דער, וואָס גייט אין וועג און לערנט, און רייסט אי־בער זיין לערנען מיט די ווערטער: ווי שיין איז דער דאָזיקער בוים! ווי שיין דאָס דאָזיקע פעלד איז! — שטעלט זיין נשמה אין טויט־לעכער סכנה — פאַר דעם לאו האָט ער שוין לאַנג קיין מורא ניט, פאַרמאַכט

ניט דאָס אויג פֿאַר די שענקייטן פֿון דעם בוים. אין אַלע צייטן פֿון יאָר זעט ער מיט יידישע אויגן זיינע בייטנדיקע שענקייטן. באַזינגענדיק אים, פֿאַרזעט ער אויך ניט זיין וואָרצל, וואָס פֿינצטערט אין דער ערד און זעט אַליין ניט „ווי שיין דער דאָזיקער בוים איז״, וועלכן ער נערט און קרעפֿ־טיקט. אפֿילו דער פּענק, נאָך דעם, ווי דער בוים ווערט פֿאַרשניטן, ווערט ביי אים אַ טעמע פֿון טראַגישן אינהאַלט . . .

אונדזער אייגענער יהואש, איינער פֿון די פּלייסיקסטע זוכער פֿון דעם סודותדיקסטן, וואָס אין מענטש און וועלט, איז אין זיין ליד אָפּטער דער זעער, ווי דער פֿאַרלייקענער . . . אין זיינס אַ נאַטור־ליד פֿון סך־הכל פֿיר שורות זעט ער אַזויפֿיל שענקייט און צו דער זעלבער צייט פֿאַר־קוקט ער ניט דאָס טיף־טראַגישע . . .

הענגט אויף אַ צווייג
אַ גילדענע זון, אין אַ טראָפּן געפֿאַנגען —
ציטערט און פֿליטערט אַ וואַלד מיט געזאַנגען
אין קליינינקער שטייג.

בעת טעניסאָן זוכט ביי אַ קליין, צאַרט געוויקסל, וואָס האָט אַרויס־געשפּראָצט אין אַ ריץ פֿון אַ וואַנט, דעם סוד פֿון גאָט און מענטש, גע־פֿינט יהואש אין אַ ליד פֿון פֿיר שורות „אַ גילדענע זון אין אַ טראָפּן״ — טוי אָדער רעגן — און „אַ וואַלד מיט געזאַנגען״ אין אַ תּפֿיסה.

יא.

ניט זעלטן טרעפֿט: דו לייענסט אַ ליד און דווקא אַ געראָטן ליד, נאָר עפּעס דערוואָרעמט דאָס דיך ניט . . . אַלץ איז, דאַכט זיך, אין דער בעסטער אָרדענונג, נאָר — דו קוקסט זיך איין אין דער טעמע און די אורזאַך ווערט דיר קלאָר. דער אינהאַלט, די טעמע פֿון ליד, געהערט ניט אַהער . . . עס כאַפּט דיך ממש אָן ביים האַרצן: די טעמע איז נע־בעך ברוין און בלוי . . . קען דעם אָטעם ניט כאַפּן. שיר ניט דער־שטיקט געוואָרן אין די אייגענע שנוראָוקעס פֿון די קורץ־געמאָסטענע שורות פֿון ליד. ס׳האָט איר אָטעם פֿאַרפֿעלט. האָט ניט געקענט די פֿליג־לען פֿאַנאַנדערשפּרייטן . . . אויפֿן פֿרייען פֿעלד פֿון דער גוטער פּראָזע וואָלט זי געקענט אַ שוועב טאָן, געקענט זיך אויפֿהויבן ביז צו די וואָלקנס און „אפֿשר נאָך העכער״! וואונדערסט זיך — פֿאַרוואָס האָט דער גו־טער פּאָעט, וואָס האָט רחמנות אויפֿן מינדסטן פֿליגעלע, קיין רחמנות גע־האָט אויף זיין טעמע, און זי דווקא איבערגוואַלד אַריינגעשפּאַרט אין דעם ליד, וואָס איז גראָד פֿאַר דער דאָזיקער טעמע אַן אמתע תּפֿיסה?

„די טעמע״, זאָגט אונדז דער חשובער קריטיקער דר׳ א. מוקדוני, „האָט אויך אַ שטיקל דעה . . . און אָפּט איז זי אַ גרויסע עקשנטע. זי קענסט מיט איר גאָרנישט מאַכן״.

„עס מוז אַפּנים זיין אַ קרבת־הנפש צווישן דער טעמע און דיכטער. די טעמע זוכט איר דיכטער, און דער דיכטער זיין טעמע. און ווען זיי באַגעגענען זיך, איז עס אַ באַגעגעניש פון צוויי באַשערטע, וואָס האָבן געוואָרט און געגאַרט איינער דעם אַנדערן״.

דאָ רעדט זיך וועגן סתם טעמעס. עס זיינען אָבער פאַראַנען אַזעלכע ווי טיף־למדנישע, קבליסטישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע טעמעס, פאַר וועלכע דאָס ליד מיט אַלע אידע מעלות — און דווקא צוליב די גרויסע מעלות אירע — איז זי ניט ביכולת זיי אויפצונעמען, פונקט ווי אַ פידל איז ניט צוגעפּאַסט אויפצושפּילן מיליטערישע מאַרש־מוזיק . . . פאַר די דאָזיקע טעמעס איז די נאָוועלע, דער ראָמאַן, די דראַמע דער בעסטער אינסטרומענט זיי אויסצושפּילן . . .

דאָס ליד האָט זיך אירע ספּעציפישע אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען גראַד חסרונות פאַר די דערמאָנטע טעמעס. צווישן די מעלות פאַרמאָגט דאָס ליד אַזויפיל טעכנישע און פאָרמאַליסטישע אייגנשאַפטן, אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען נוטה אויפצונעמען אַזעלכע אינהאַלטן, וואָס רעדן מער צום אויג, צום האַרצן, צו דער נשמה פון מענטשן. דאָס ליד לעבט אין איר אייגענעם זכות, פונקציאָנירט מיט אירע באַזונדערע, ספּעציפישע אינער־לעכע חושים . . . עס פאַרמאָגט אַן אינערלעכן פאַרבאָרגענעם צויבער; אַן אויג, וואָס קוקט פון אינעווייניק אַרויס און זעט די וועלט מיט „אי־כישע״ סענטימענטן. דאָס זיינען אירע אייגנשאַפטן, וואָס קיינע אַנדערע פאָרמען אין דער ליטעראַטור פאַרמאָגן זיי ניט. דאָס ליד איז בטבע עמפּפינדלעך — מער ווי וועלכע ניט איז אַנדער פאָרמע אין דער ליטע־ראַטור — און איז געבענטשט מיט אייגנשאַפטן אויפצונעמען מיט אינדי־ווידועלער סענסיטיווקייט די דינסטע וויבראַציעס אין דער מענטשלעכער נשמה. איר עובדא איז צו וועקן, מונטערן, דערמוטיקן, סטימולירן, אָנ־שטימען דאָס מענטשלעכע האַרץ מיט עסטעטישן גאַרן נאָך די שענסטע געניוסן פון לעבן — צער און טרויער אַריינגערעכנט.

מהאי טעמא איז דאָס ליריש ליד אַזוי אָנגענומען ביי דער וועלט. עס זינגט וועגן די סאַמע אינטימסטע איבערלעבונגען פון דיכטער.

און מיר — יעדער איינער און אַלע פון אונדז — „זיינען אַלע פּאָ־עטן, ווען מיר לייענען אַ ליד גוט״. מיר זיינען אַלע פּאָעטן, מחמת מיר לעבן איבער צוזאַמען מיטן דיכטער די סאַמע אינטימסטע איבערלעבע־נישן זיינע.

א לבנה אין פענצטער

אַ לבנה אין פֿענצטער

דאָס ליד פֿון קליינעם אות
גרינע מאַסקע
שפּריירעגן
איז די רויז געווען רויט
אַנטפּלעקונג
דער אוצר
צו אַ פֿלאַטערל
עס שמעקט מיט וואַלד
איקאָנע
צו אַ פֿייערפֿליגעלע
אַ מעשה, וואָס קלינגט כמעט אומגלויבלעך
פֿאַנטאַזיע
די נסיעה קיין שאַנגרי־לאַ
דער בלינדער קעניג
אָט דאָ איז גאָט
בשעת מיין שכן שלאָפֿט
דעם בלינדנס שטעקן
אַזוי איז מיר באַשערט
דאָס געוויין פֿון אַ קינד
מיינע זיבן גוטע אורחים
אַ זעגל
וועגן וויין און רויך
אַ באַלאַדע וועגן אַ קאַרשנבוים
ליד פֿון אַלע לידער

דאָס ליד פֿון קלײנעם אות

אַ טיש. אַ ליכט. אַ רינגל רויך.
אַ פֿערז אויף װײס פּאַפּיר.
בענק אויס פֿאַר זיך אַ שײנע װעלט
און לויב, און גלויב אין איר.

דער עושר זאַמלט געלט און גאָלד,
דער קמצן קאַרגט און שפּאָרט,
און איך געפֿין מײן שענצטע פֿרײד
גאָר אָפֿט . . . אין קלענצטן װאָרט.

איך הער, װי ס׳זינגט דער װינט אין װאַלד,
דער רעגן אויפֿן גראָז,
נאָר ס׳שענצטע ליד האָב איך געהערט
פֿון אַ קלײן, באַשײדן אות.

ניט זעלטן — אַ נקודהלע,
קוים גרעסער פֿון אַ מילב,
צינדט אָן אַ רעגנבויגן־ליכט,
פֿאַרהוילן אין אַ זילב . . .

אַ טיש. אַ ליכט. אַ שנירל רויך.
אַ פֿערז אויף װײס פּאַפּיר.
בענק אויס פֿאַר זיך אַ חלום־װעלט
און גלויב, און גלויב אין איר!

ג ר י נ ע   מ אַ ס ק ע ס

גראָז.
גרינער אומעט פֿון דער ערד.
יאָרצייט־קניטלעך פֿון פֿאַרלאָשענע נשמה־ליכט.
שמייכלענדיקע מאַסקעס אויף אַ מרה־שחורהדיק געזיכט . . .
ציטערנדיקע צינגלעך קינדערשע, פֿון דרעמל אויפֿגעוועקט,
צו דעם ווייסן לייב פֿון דער לבנה דורשטיק אויסגעשטרעקט:
אַי־ליע־ליו־ליו־ליו.

גראָז.
גרינער פֿרידן פֿון דער וועלט.
ווייכער, שטילער, קילער, שאָטנדיקער סכך.
שמעקנדיקע שינדלען אויף דעם נידעריקן דאַך
פֿון דעם מידן וואָגלערס פֿרידלעך לעצט געצעלט,
הינטער אומעטיקע ווערבעס פֿון דער זון פֿאַרשטעלט:
אַי־ליע־ליו־ליו־ליו.

גראָז.
גרינער חלום פֿון מיין האַרץ.
שמעטערלינגען, בינען, שטערן, זאַנגען, פֿייערפֿליגן, טוי.
בלויע רעגנס, קאַרשן, זאַנגען, פֿייכטע סטויגעס שטרוי . . .
פֿלינקע שאָטן־טריט פֿון קינדער באָרוועסע אין אָוונט־שפּיל.
הויקער־שאָטנס, וויגנדיק זיך צו דעם ניגון פֿון אַ גריל:
אַי־ליע־ליו־ליו־ליו.

שפרייִרעגן

דער וואָלקן נידערט פֿון דעם באַרג.
איך אײַל זיך אים אַנטקעגן
מיט אָפֿענע הענט באַגעגענען
די ערשטע טראָפּנס רעגן.

די רעגנטראָפּנס פֿינקלען בלוי
אויף מײַנע פֿינגער־נעגל.
אין יעדן רעגן־טריף — אַ ים,
אין יעדן ים — אַ זעגל.

און הינטער יעדן זעגל רוט
אַ פֿישער מיד, געבויגן
און חלומט וועגן פּערל, פֿיש
מיט דימענטענע אויגן.

דער רעגן שמעקט פֿון מײַנע הענט
אַ וואַרעמער, אַ פֿרישער . . .
אַ כּשוף האָט פֿאַרכּישופֿט מיך —
כ׳בין איינער פֿון די פֿישער!

איז די רויז געווען רויט

בלויע אָוונט־שעה.
דער שאָטן פֿון אַ פֿליענדיקער קראָ
האָט איבער אַ צעאַקערט פֿעלד פֿאַרבייגעשוועבט:
— קראה — קראה־ה־ה־ה —
דער פויער האָט געאַקערט און —
פֿאַרזייען — ניט דערלעבט!

צוקאָפנס פֿון פֿאַרוואָרלאָזט פֿעלד
דעם פויערס איינגעהויקערט הייזל שטייט
און קוקט מיט רויט־פֿאַרוויינטע אויגן שטום
צום מערב, וואו די זון פֿאַרגייט.

— קיין יורש ניט געלאָזן . . . און קיין יאָרצייט־ליכט
ניט אָנגעצונדן. ניט געווען ווער.
האָט גאָט, וואָס זיצט אין הימל און וואָס זעט
דעם טרויער פֿון דער וועלט, געלאָזט אַ טרער
און אויף אַ קרומען דאָרן ערגעץ הינטערן פלויט
אַ קנאָספ אַ גרינעם אויפֿגעבונדן,
און דאָס האַרץ אים אָנגעצונדן:
איז די רויז געווען רויט.

אַנטפּלעקונג

אַ פּראַל געטאָן דער רעגן
און איינגעשטילט זיך באַלד.
הינטערן ליכט פון רעגנבויגן
שטראַלט־אויף דער גרינער וואַלד.

איך האָב דעם וואַלד געזען שוין
אַזויפיל מאָל דאָס יאָר,
נאָר קיינמאָל ניט, ווי איצטער,
אַזוי־אַ נאָענט און וואָר.

ערשט היינט דערזען, אַז ער איז
אַזוי פאַרצווייגט געדיכט,
און אַז די בלעטער זיינע
פאַרמאָגן אַזויפיל ליכט.

אין ליד פון ווילדן פויגל
צום ערשטן מאָל דערהערט
דאָס וויינען פון דעם וואָרצל,
וואָס פינצטערט אין דער ערד.
דעם צער פון בלינדן וואָרצל
ערשט איצט באַנומען קוים,
וואָס קען אַליין ניט זען,
ווי שיין ער איז, זיין בוים.

איז וואָס־זשע ווייסטו, האַרץ מיינס?
— אויף דעם, וואָס איז געווען
און אויף דער שעה, וואָס דו וועסט
דעם וואַלד שוין מער ניט זען.

דער אוצר

וואָס אַרט דיך, וואָס איך האָב אין וואַלד
אַן אוצר אויסגעגראָבן
און לעב אין נויט, און וויל פֿון אים
נישט קיין הנאה האָבן?

דו יאַדעסט מיך, כ׳זאָל תיכף דיר
אין שטוב דעם אוצר ברענגען . . .
אַז איך וועל דיך דערזען אין זייד,
וועל איך זיך הענגען, הענגען!

כ׳האָב ליב מיין אָרעמשאַפֿט . . . און דו
קענסט שענער שוין ניט ווערן,
אפֿילו ווען איך פּוץ דיך אויס
פֿון קאָפּ ביז פֿיס אין — שטערן.

איך וויל זיך מיט מיין אַלטער שטוב,
מיין נחלהטשקע, ניט שיידן.
איך האָב זי בירושה נאָך
פֿון עלטער־עלטער־זיידן.

גאָט פּרוּווט מיך אויס: וויל זען צי קען
ער מיר זיך אָנפֿאַרטרויען.
אָ, האַרץ מיינט, זיי מיט מיר און העלף
מיר ביישטיין דעם נסיון!

אין רייכן פּאַלאַץ, טייער האַרץ,
וועל איך ניט קענען שלאָפֿן:
וועל האָבן אַ ל צ ד י נ ג , וואָס איך ו ו י ל ,
נאָר ניט די פֿרייד פֿון האָפֿן . . .

אָ, גלויב מיר, אַז איך וויל מיט דיר,
חלילה, זיך ניט קריגן.
שוין ליבער זאָלסט מיך חושד זיין,
אַז וואָס איך זאָג איז — ליגן!

— בין קיינמאָל ניט געווען אין וואַלד,
קיין אוצר ניט געפֿונען.
געחלומט פֿון אַן אוצר און . . .
אַ ליד זיך אויסגעשפּונען.

איך רייץ זיך סתם . . . כדי נאָך מער
דאָס לעבן דיר פֿאַרשוואַרצן.
אַן אוצר האָב איך אָבער פֿאָרט! —
אין וואַלד . . . ביי זיך אין האַרצן.

צו אַ פּלאַטערל

פּלאַטער, פּלאַטער, פּלאַטערל,
מיין אורח אומגעריכט.
דאָס לעמפּל זשיפּעט. קוים פֿאַראַן
געציילטע רגעס ליכט.

דאָך פּלאַטער, פּלאַטער, פּלאַטערל,
אין זכות פֿון קנויט, וואָס ברענט! . . .
אַ קרייז פֿון שאָטן־פּלאַטערלאַך
אַרום די כמורנע ווענט.

מיין קאַץ, די נאַשערקע, פֿאַרגאַפֿט,
קוקט נאָך דעם פּלאַטער־קרייז.
צי איז זי וואַך? צי חלומט זי?
אַזויפֿיל פֿלינקע מייז!

פּלאַטער, פּלאַטער, פּלאַטערל,
איך קלער: וואָס וואָלט געווען,
ווען ס׳לעמפּל לעשט זיך פּלוצים אויס?
וואָס וואָלט מיט אונדז געשען?

און מיט די שאָטן־פּלאַטערלאַך,
וואָסווירבלען אויף די ווענט? . . .
אָ, פּלאַטער, פּלאַטער, פּלאַטערל,
כל זמן דאָס לעמפּל ברענט.

עס שמעקט מיט וואַלד

— דוד פינסקין.

באַטעמט איז נאָך אַ זאַטן אָוונט־מאָלצייט דער גערוך
פֿון אַ סומאַטרא אָקאָרשט אָנגעצונדענעם ציגאַר.
די בלויע רינגען רויך, וואָס סילען זיך אַרויס
פֿון גאָלד־צעפּייערטן ציגאַרן־זשאַר;
אַזאַ מין מידע רואיקייט אין שוועבל־גרינעם ווייזערל,
וואָס צוקט אַרום דער סאַמעטענער בעלמע אַש.
ס'איז שטיל . . . דו הערסט דיין אייגן האַרץ,
ווי ס'טיקעט מיד און שלעפּעריק
צום טאַקט פֿון זייגערל ביי דיר אין בוזעם־טאַש;
צום מידן טליען פֿון די לעצטע טראָפּנס ו ו י י ן,
וואָס זשיפּען אויפֿן דנאָ ביי דיר אין לערן פֿלאַש . . .
אַזאַ מין וואַרעם־זיסע דרעמלעניש פֿאַלט אָן אויף דיר.
פֿון הינטער שאָטנדיקע ברעמען זשמורעסטו און זעסט
אַ וואַלד מיט טונקל־גרינע צווייגן אויפֿן ווינט.
פֿון יעדן רויך־קלאָמב קוקט אַרויס אַ פֿויגל־נעסט . . .
אַ סטייע בלויע שוואַלבן פֿליען ערגעץ ווייט אַוועק . . .
וואוהין? — געדענקסט? . . . דערמאָנסט זיך און פֿאַרגעסט . . .

באַטעמט איז נאָך אַ זאַטער סעודה דער גערוך
פֿון אַ סומאַטראַ פֿריש־געצונדענער ציגאַר.
ב אַ ט ע מ ט ע ר איז דער ריח, דער פֿרישער, פֿון אַ לידער־בוך,
וואָס דו ביסט זוכה אויפֿצועפֿענען צום ערשטן מאָל.
עס טוט אויף דיר אַ ווייע בעתן ערשטן קוים־באַריר פֿון בלאַט
מיט ריחות פֿון אַ ווייטן שאָטנדיקן וואַלד אין טאָל,
מיט עפּעס אַזאַ דינעם, סאַמעט־ווייכן אַראָמאַט
פֿון שוואָמען נאָך אַ לינדן רעגן־שפּריי.
דערשפּירסט אין רויש פֿון ערשט־באַרירטן בלאַט
דאָס הוידעניש פֿון ציטערנדיקע צווייגן אויפֿן ווינט,
דאָס אָטעמען פֿון בלינדע וואָרצלען אין דער ערד;
און ווי דער אָוונט שפּינט און שפּינט, און שפּינט
די סודותדיקע טונקלענישן, דרעמלענישן, שאָטנדיק געמיט . . .
עס שמעקט מיט וואַלד, מיט רעגן און מיט נאַכט,
מיט קאָרע, ערד און — ליד.

געזונגען ביחידות האָט אַ נאַר זיין סומנע ליד,
מיט אַ פֿאַרחלומט האַרץ געזונגען צווישן נאַכט און טאָג,
אָ, איינזאַם, ווי דאָס ליכט, וואָס שמעלצט זיך אויף זיין טיש
און ווי דער אומעטיקער בעטלער אויפֿן שאָטנדיקן ראָג . . .
עס טריפֿט דאָס חלבדיקע ליכט און ס׳וויינט
דער בעטלער ביי דעם שוועל פֿון בלינדן טאָג.

שנויץ אָפּ דאָס טריפֿנדיקע חלב פֿון דעם קאָפּטשענדיקן קנויט,
דעם פֿעפֿער־גרויען אַש פֿון גליענדיקן פֿאָדעם זשאַר
און זינג, און זינג, דו מידער חכם־נביא־נאַר,
פֿון פֿרייד און טרויער, ליבשאַפֿט, האָפֿענונג און טויט.

די נאַכט איז קורץ און נאָענט איז איר סוף.
איצט רוט די וועלט, דאָס רשעות און דער מענטש . . .
וואָרעם, ווען די וועלט וואַכט אויף צו טאָג און ליכט,
גייט אויף פֿאַר דיר די מידקייט און דער שלאָף.

זינג, אָ, חכם־נביא־נאַר!

א י ק אָ נ ע

(אוקראַינישער מאָטיוו)

פֿון הינטערן סטויג אויפֿן פֿעלד
באַווייזט זיך אַ האַלבע לבנה.
דאָס פֿויערל שלאָפֿט ניט און זעט
ביי אים אויפֿן פֿעלד אַ איקאָנע.

די שטרויענע דעכער פֿון דאָרף —
פֿאַרזילבערט און . . . זילבערנע שטיבער —
דאָס פויערל פֿאַלט אויף די קני
ביים פֿענצטער און צלמט זיך איבער.

— אָ, הייליקע מוטער מאַרי,
געבענטשט זאָלסטו זיין אין דיין קומען!
כ'האָב ערשט פֿון מיין אָרעמען פֿעלד
מיין תבואה אַרונטערגענומען.

און זע נאָר מיין ביסעלע ווייץ,
מיין קופּקעלע גערשטן, מיין קאָרן.
כ'האָב מורא, כ'וועל היינטיקעס יאָר
נאָך הונגערן מער ווי פֿאַריאָרן.

ער הויבט אויף צום הימל די הענט,
די אויגן, פֿאַרנעפּלט פֿון טרערן,
אים דאַכט זיך, ער זעט אין דער נאַכט,
ווי ס'רעגנט — אַ רעגן פֿון שטערן.

אָ, הייליקע מוטער מאַרי,
געבענטשט זאָלסטו זיין אין דיין קומען,
געלויבט זאָלסטו זיין מיר דערפֿאַר,
וואָס דו האָסט מיין תּפֿלה פֿאַרנומען!

עס כאַפּט זיך די פּויערטע אויף
פון שלאָף און זי הויבט אים אָן וועקן,
נאָר ס׳רייסט זיך איר אָפּ וואָס אין האַרץ
און בלייבט וואו אין גאָרגל איר שטעקן . . .

זיין פּנים איז בלוי, ווי די שויב.
די אויגן — פאַרגליווערטע, אָפן.
צום ערשטן מאָל זעט זי אים שטיין
אויף די קני לעבן פענצטער און — שלאָפן.

צו אַ פֿייערפֿליגעלע

פֿייערפֿליגעלע אין גראָז,
שוועבל־גרין און גאָלדיק־ראָז,

צינדסט זיך אָן און לעשט זיך אויס:
גאָטס חידושים זיינען גרויס!

לעשסט זיך אויס און צינדסט זיך אָן:
נ אָ ך אַ מ אָ ל אַ ש י מ ע ר ט אָ ן

כאָטש אַ קורצן אויגנבליק
און פֿאַרלעשן זיך צוריק.

בלויז אַ קורצן אויגנבליק . . .
האַרץ מיינס, מיר איז אומעטיק.

אַ מעשה, וואָס קלינגט כמעט אומגלויבלעך

א.

מיט אַלץ אין דער וועלט שוין געהאַנדלט,
מיט כלערליי זעלטענע סחורות:
מיט פֿלאַקס און מיט וואַקס, און מיט האָניק,
מיט רויך און מיט — פּטום הקטרת.

צו וואָס כ׳האָב זיך אָבער גענומען
האָב איך ניט געהאַט קיין הצלחה.
אַז גאָט ברוך הוא וויל דיך שטראָפֿן.
פֿאַרמיידט ער פֿון דיר זיין השגחה.

איך הויב אָן צו האַנדלען מיט אָקסן,
ברעכט אויס צווישן זיי אַ מגפֿה;
מיט וואַלד — ברעכט אויס פּלוצים אַ שטורעם
און, תוך כדי דיבור — אַ שרפֿה.

דער קאַרשנבוים לעבן מיין פֿענצטער
דערמאָנט זיך סוף זומער צו בליען.
איך שטעל אויף אַ טויבנשלאַק, קומען
פֿון ערגעץ־וואו שפּאַרבערס צופֿליען.

איך זעץ אַרויף הינער אויף אייער,
איז בריען זיי אויס מיר וואַראַנעס.
בקיצור, איך הויב אָן צו האַנדלען
מיט אַלטע סוף־חודש לבנות.

(ס׳איז גאָר אויף דער וועלט ניט פֿאַראַנען
אַזעלכע פֿאַנטאַסטישע זאַכן,
וואָס דאָס מענטשלעכע אויג זאָל ניט קאָנען
פֿון אַלטן לבנה־ליכט מאַכן.)

ב.

סוף חודש. פֿאַרטאָגלעך. דער הימל
אַ טיפֿער, אַ רחבותדיק־ברייטער.
עס דרימלט די ערד . . . איר צוקאָפּנס —
אַ שטראַלן־געפֿלאָכטענער לייטער.

איך קלעטער אַרויף מיר צום הימל
און נידער אַרונטער בשלום,
כמעט ווי ס׳דערציילט זיך אין חומש
וועגן יעקבס פֿאַנטאַסטישן חלום.

איך שטיי אויפֿן לייטער . . . דער מזרח
נעמט גליען, זשאַריען, ווערט צונטער.
איך קנעפּל מיר אָפּ מיין לבנה
און קייקל אויף דר׳ערד זי אַרונטער.

ג.

איך רייז איבער לענדער און ימים
אויף לאַנגע און וייטע נסיעות:
— קויפֿט, יידן, סוף־חודש לבנות!
קויפֿט, יידן אביונים, מציאות!

פֿאַר פֿענצטער צעבראָכענע — שויבן
און כלערליי שינדלען צו דעכער,
קאַפּאָטעס און גאָלדענע לאַטעס
פֿאַר יוכטאָווע שטיוול מיט לעכער;

אַ לאָדן, אַ ראָד צו אַ וואָגן,
אַ דנאָ פֿאַרן פּסחדיק פֿעסל,
אַ נייעם לאָמטערן מ י ט פֿ י י ע ר
פֿאַרן שומר פֿון פֿינצטערן געסל;

פֿאַר זקנים למדנימלעך — ברילן,
פֿאַרן שטאָט־זייגער — גילדערנע ווייזער,
עטרות פֿאַר אַלטע טליתים,
מזוזות פֿאַר יידישע הייזער . . . ;

פֿאַרן אָרון — אַ נייעם פּרוכת,
אַ לייב מיט צוויי גאָלדענע פֿליגל,
פֿאַרן ייד, וואָס טראָגט וואַסער — צוויי עמער
און אַ טייך, וואָס איז קלאָר, ווי אַ שפּיגל;

פֿאַרן אָרעמען פּויער — אַ קאַסע,
פֿאַרן שוחט — אַ האַרץ . . . און אַ חלף,
פֿאַר דרדקי אינגעלעך קליינע —
אַ גרויסן, אַ ליכטיקן אַלף.

ד.

אַז איך וועל באַשטאַטן דעם דלות,
באַלאַטענען אַלע אביונים
און מער שוין ניט האָבן קיין סחורה
און ממילא — ניט דאַרפֿן קיין קונים,

וועל איך פֿון די רעשטלעך זיך מאַכן
אַ וואָגן מיט ג אָ ל ד ע נ ע רעדער.
איך פֿאָר צווישן שטערן און כמאַרעס,
ווי צווישן קאַרשן־צעצוויטעטע סעדער.

איך זע זיך אין דמיון אַן אָדלער,
איך שוועב איבער וועלטן און ספֿערן,
די ערד הינטער מיר, ווי דער הימל —
אַ בינשטאָק מיט גאָלדענע שטערן.

כ׳בין מיד. איך האָב מורא צו שליסן
די אויגן: כ׳קען אָנהויבן דרימלען . . .
עס איז מיר אַ שאָד צו פֿאַרלירן
אין חלום פֿאַר איינמאָל צ ו ו י י הימלען.

די נאַכט זיצט ביים אָפֿענעם פֿענצטער,
פֿאַרבלענדט פֿון מיין ליכטיקן וואָגן.
איך פֿאָר אויף מיין וויטסטער נסיעה
צום לאַנד פֿון באַשטענדיקן טאָגן . . .

דער אומעט אויף בײדע זייט מילכוועג
פֿאַרוויגט די צעצוויטעטע צווייגן.
— „עס שנייט!״ — זאָגט די נאַכט. און דער אומעט
גיט צו: — „מ י ט ג ע ל ו י ט ע ר ט ן ש ו ו י י ג ן״.

פ אַ נ ט אַ ז י ע

כ׳דריי איין דעם לאָמפּ. בין עפּעס מיד.
מיר קלעפּן זיך די ווייעס.
אַ מאָדנער נאַכט־ווינט היינט ביינאַכט,
אַ ווינט, וואָס זאָגט נביאות:

— צינד אָן אין פענצטערל אַ ליכט,
כדי דיין גאַסט זאָל טרעפן
דעם וועג צו דיר . . . און אַז ער טוט
אַ קלאַפּ אין פענצטער, עפן!

און כאָטש איך פיל זיך שלאָף און מיד
און אויפן האַרץ איז שפּל,
דאָך דריי איך אויף דאָס לעמפּעלע,
טו אָן זיך די פּאַנטאָפל

און רוק מיט ציטערדיקע הענט
פון טיר אַוועק די ריגלען —
אַ ק ל י י ן ג ן ־ ע ד ן ־ פ י י ג ע ל ע
מ י ט ת כ ל ת ־ ב ל ו י ע פ ל י ג ל ע ן!

עס שטעלט זיך אויף מיין שפּיגל אָפּ.
מיר קוקן אָן זיך ביידע.
— אָ, ק ל י י ן ג ן ־ ע ד ן ־ פ י י ג ע ל ע!
— אָ, ק ל י י נ ע ר, ו ו י י ס ע ר ז י י ד ע!

— פ ו ן ו ו אַ נ ע ן ק ו מ ס ט ו א י צ ט צ ו פ ל י ע ן:
— פ ו ן ל י כ ט י ק ן ג ן ־ ע ד ן!
— ו ו אָ ס ט ו ס ט ו ד אָ א י ן מ י ט ן נ אַ כ ט?
— א י ך ק ו ם צ ו ג אַ ס ט צ ו ם ז י י ד ן!...

צי חלום איך? ווי שיקט זיך עס?
איך בין דאָך ניט געשלאָפֿן?
און אַז מען שלאָפֿט, ווי קענען זיין
די אויגן ניכטער, אָפֿן?!

איך פּרואוו די טיר, די טיר איז צו,
פֿאַררוקט אויף זיבן ריגלען.
איך קוק צום פֿענצטער — זיבן ליכט,
צום שפּיגל — זיבן שפּיגלען!

און דאָס גן־עדן־פֿייגעלע
איז אויך געוואָרן זיבן!
בלויז איך אַליין, אָט ווי געוועזן,
אַזוי בין איך פֿאַרבליבן . . .

נאָר מיט דעם ווינט אין דרויסן האָט
זיך יאָ שוין וואָס געטראָפֿן!
ער רעדט שוין ניט קיין סך. איין וואָרט
בלויז: שלאָפֿן . . . ששלאָפֿן . . . שששלאָפֿן . . .

די נסיעה קיין שאַנגרי־לאַ

יאַרמאָ, שפּאַן איין די סוסים!
עס טאָגט שוין אויפֿן טראַקט.
איך האָב מיין טלית און תּפֿילין
מיטן העמד שוין איינגעפּאַקט.

דו פֿרעגסט, וואוהין מיר פֿאָרן? —
פֿאַראַן אַ לאַנד אַזאַ.
איך קען דאָס לאַנד ניט . . . כ׳ווייס נאָר,
מען רופֿט עס שאַנגרי־לאַ.

אַ וועלט שוין אויסגעוואָגלט
און דאָרט נאָך ניט געוועזן!
אם ירצה השם, מיר וועלן
דאָס לאַנד בקרוב זען.

— וואוהין־זשע? . . . מזרח? מערב?!
ניט פֿרעג, יאַרמאָ, ניט פֿרעג!
די קלוגע סוסים דיינע
זיי ווייסן שוין דעם וועג . . .

אַ וועלט שוין אויסגעטיאָפּקעט
אויף וועגן כלערליי.
געגנוג פֿאַרשוואַרצט געוואָרן,
און דו, און איך — מיט זיי.

טאָ, לאָמיר אונדזער דמיון
אינאיינעם מיט די פֿערד
איצט נאָכלאָזן די לייצעס:
ס׳איז אומעטום גאָטס ערד . . .

אָט, לאָמיר זיך משער זיין:
אַ בלויקייט, ווייט, אין־סוף,
אַ ליכט, וואָס שמעקט מיט ווייִרעך,
אַ שטילקייט — זיס, ווי שלאָף.

קיין הימל ניט פֿאַראַנען —
איז צו דרינגען פֿון דערפֿון,
אַז די נאַכט איז אַ נאַכט אָן שטערן
און דער טאָג, אַ טאָג אָן זון.

און אַז ס׳איז נישטאָ קיין הימל,
פֿאַרשטייסטו דאָך, יארמאָ,
איז קיין כמאַרע און קיין רעגן,
און קיין בלאָטע . . . אויך נישטאָ!

קיין הימל און קיין וואָלקן! . . .
מיר ביידע, איך און דו,
צוויי רוחניותדיקע פֿייגל,
צוויי „זום־זומס״: ש ל אָ ף און ר ו.

יאַרמאָ, האָסט איינגעדרעמלט?
מיך שלעפֿערט אויך . . . נאָר שאַ!
מיר דאַכט זיך, אַז מיר זיינען
שוין דאָ, אין שאַנגרי־לאַ.

דער בלינדער קעניג

קעניג גורל איז אַ בלינדער:
נאַכט און פֿינצטערניש כסדר —
דאַרף ער ניט קיין קרוין, קיין סצעפּטער
און קיין סאַמעטענע קליידער.

אַז דער קעניג איז אַ בלינדער,
מעג ער שוין קיין קרוין ניט טראָגן,
קען ער גיין אפֿילו נאַקעט.
ווער וועט אים אַ דעה זאָגן?

פֿאַר די אונטערטאַנען זיינע
דאַרף ער גאָרנישט ניט פֿאַרדעקן . . .
גייט אַרום דער בלינדער קעניג
הויל און נאַקעט, ווי זיין שטעקן.

אַז ער זעט בייטאָג די זון ניט,
זעט ער אויך שוין ניט דעם מענטשן;
ווייס ניט וועמען זאָל ער שטראָפֿן,
וועמען שילטן, וועמען בענטשן.

נאַכט און פֿינצטערניש כסדר,
גייט ער אום אין הוילע שרעקן.
ווער עס קומט אים נאָר אַנטקעגן,
הויבט ער אויף אויף אים זיין שטעקן . . .

נאָר אַמאָל, אַמאָל אין פֿרילינג,
ווען ער הערט, ווי ס'זינגט דער רעגן,
הויבט ער אויף די בלינדע אויגן,
בענטשט ווער ס'קומט אים נאָר אַנטקעגן . . .

כ'האָב דעריבער ליב דעם רעגן:
דעמאָלט גיי'ן דאָך ווינציק מענטשן,
אפֿשר וועט דער בלינדער קעניג
מיך באַגעגענען און בענטשן?!

אַט דאָס איז גאָט

דער וואַלד — אַ שוואַרצער קנויל
ביינאַכט הינטערן שטאָט.
די בלינדע פֿינצטערניש,
דער טונקלער וואַלד, איז גאָט.

דער שוואַרצער וואַלד־געררויש,
ער פֿאַלט אויף מיין געהער:
מיין יעדער בוים איז אַלט
אַ טויזנט יאָר און מער.

כ'בין וויג און טהרה־ברעט,
בין רידל, אַקס און ראָד,
בין תּליה, מאַסט און שוועל...
— איצט ווייס איך — דו ביסט גאָט!

איך צי צום שוואַרצן וואַלד
מיט ציטערדיקן טראָט,
אין בלינדער פֿינצטערניש
באַהעפֿטן זיך מיט גאָט.

בשעת מיין שכן שלאָפֿט

ווער ס׳קען ביינאַכט ניט שלאָפֿן,
דער זעט ביים מזרח־ראַנד
די ערשטע שטראַלן־זאַנגען
ביים ברעג פֿון מאָרגן־לאַנד.

ער זעט דעם ערשטן רויך־פּלעק
ביים שכן אויפֿן דאַך,
דעם ערשטן גרויען שאָטן
פֿון וואָגלער אויפֿן שליאַך.

ער זעט דעם ערשטן פֿויגל,
וואָס פֿליט פֿון בוים אַרויס;
אויפֿן שוועל די ערשטע מאַמע,
וואָס זויגט אַ קינד אין שויס.

איז גוט מיר, גוט אוודאי,
וואָס גאָט האָט מיך געשטראָפֿט
איך זאָל ניט קענען שלאָפֿן
בשעת מיין שכן שלאָפֿט.

דעם בלינדנס שטעקן

ער גייט מיט דראָבנע טריטעלעך,
פֿאָרויס אים קלאַפּט זיין שטעקן,
ווי עמעץ וואָלט געדונגען אים
פֿון שלאָף די געסלעך וועקן.

סטוק־סטאָפּ, סטוק־סטאָפּ, סטוק־סטאָפּ, סטוק־סטאָפּ . . .
די מיטנאַכט־רגעס שווינדן.
דער „פּיקהאָלץ" גייט . . . (ס'ווייס קיינער ניט,
ווי רופֿט מען אים, דעם בלינדן).

פֿונוואַנען גייט ער? . . . און — וואוהין?
וואָס איילט ער זיך אַשטייגער?
איך ווייס ניט! . . . איין זאַך ווייס איך נאָר,
ס'איז פּונקט איצט צוועלף אַזייגער.

ס'איז מיטנאַכט־שעה און ס'וואַרט אויף אים:
די שטאָט, די גאַס, די הייזער,
דער טורעם־זייגער, וואָס אין מאַרק,
דער ציפֿערבלאַט, די ווייזער . . .

מיר דאַכט, דער זייגער ישובט זיך,
ער שלאָגט זיך מיט דער דעה:
אַ שלאָג־טאָן? אָדער וואַרטן נאָך
ביז דער „פּיקהאָלץ" קומט צוגיין?

און מיר? — דאָס חיות גייט מיר אויס
דעם בלינדנס טראָט צו הערן.
מיר דאַכט, איך וואָלט שוין ניט געקענט
אָן אים אַנטשלאָפֿן ווערן!

ניט איינמאָל פֿיל איך אין מיין בלוט
אַן אומרו . . . שרעק אפֿילו:
צי האָט ער ניט פֿאַרבלאָנדזשעט וואו?
אַ סיבה, חס־וחלילה?

די שטערן בלינצלען אַגרעס־גרין,
די מיטנאַכט־רגעס שווינדן . . .
מיר דאַכט, עס קלעטערט אין דער נאַכט
דער שטעקן אָ ן ד ע ם ב ל י נ ד ן .

די מידקייט טריפֿט ביי מיר אין בלוט:
טיק־טיק . . . ד ע ם ב ל י נ ד נ ס ש ט ע ק ן !
ער וועקט די נאַכט . . . נאָר מיך, מיר דאַכט,
וועט ער שוין ניט דערוועקן.

אַזוי איז מיר באַשערט

צי בין איך שולדיק, וואָס מיין ליבשאַפֿט
צו דיר האָט אויפֿגעבליט אין האַרבסט?
איך זינג, ווי ס׳זינגט דער אלול־רעגן
צום גראָז: — מיין האַרץ, איך וויס, דו שטאַרבסט.

און בין איך שולדיק, וואָס דאָס ליד מיינס
האָט שפּעט אין אָוונט זיך צעשטראַלט?
איך זינג, ווי ס׳זינגט דער חשוון־שטערן
צום ים; — איך וויס, מיין האַרץ, ס׳איז קאַלט.

צי בין איך שולדיק ,וואָס מיין לעבן
פֿון אונטערן אַש אַפֿיר נאָך גליט?
איך זינג, ווי ס׳זינגט דער ווינט אין אָסיען
צום בוים: — מיין האַרץ, האָסט אָפּגעבליט.

דער ווינט, דער שטערן און דער רעגן,
דאָס גראָז, דער בוים, דער ים און איך —
אָ, וועלט, מיין וועלט, ס׳איז אונדז באַשערט שוין
דורך האַרבסט און ליד באַהעפֿטן זיך . . .

דאָס געוויין פֿון אַ קינד

ביינאַכט, עס וויינט אַ קינד
ביים שכן וואו דערנעבן.
איך ליג און הער זיך איין:
דאָס וויינט אין מיר מיין לעבן.

איך מאַך דאָס פֿענצטער צו
און פּרואוו אַנטשלאָפֿן ווערן,
נאָר עפּעס רייצט זיך מיט
מיין בלוט: — וועסט מוזן הערן!

איך מאַך דאָס פֿענצטער אויף,
פֿאַרמאַך, טו באַלד אַן עפֿן —
דאָס רייצעניש אין בלוט:
— וואו וויינט דאָס קינד? פּרואוו טרעפֿן!

דער זייגער באָמקעט צו
און רוקט פֿאָרויס די ווייזער.
מיר דאַכט, עס וויינט די גאַס
מיט אַלע אירע הייזער . . .

וואו וויינט עס פֿאָרט דאָס קינד?
אין וועלכער שטוב? . . . ביי וועמען?
איך רעכן אויס אין האַרץ
די שכנים ביי די נעמען.

איך מאַך דאָס פֿענצטער צו
און עפֿן באַלד דאָס ווידער.
דאָס קינד איז ז י י ע ר שלאָף! —
און איך ווער מיד און מידער . . .

אַ מידע דרעמלעניש.
די מידע נאַכט נעמט בלאַסן.
מיר דאַכט זיך אויס, עס וויינט
די שטאָט מיט אַלע גאַסן.

ווי קען דער מידער קאָפּ
אין קישן רואיק ליגן,
אַז קיינער איז נישטאָ
וואָס זאָל דאָס קינד פֿאַרוויגן?

דער צער! . . . אַ מאַמע זאָל
איר אייגן קינד אַנטוויינען!?
אין קינדערשן געוויין,
מיר דאַכט זיך — וועלטן וויינען!

מיינע זיבן גוטע אורחים

נ. ב. מינקאָון אַ מתנה

איך האָב אַ הויז מיט זיבן פֿענצטער.
ביי יעדן פֿענצטער שטייט אַ בוים.
עס קומט דאָ יעדן טאָג אַן אורח.
ער עסט מיין ברויט און בענטשט מיין היים.

א.

מיין ערשטער אורח איז אַ פֿויגל.
ער קומט פֿון קאַלטן לאַנד צופֿליען:
— דיין ערד איז גרין, דיין הימל — וואַרעם
און דיינע זיבן ביימער בליען.

ס׳געפֿעלט אים וואויל און ער צעזינגט זיך.
ער טרילערט מיט אַ גרינג געמיט.
איך שוויג און הער . . . און אין די קנאָספּן
קאָלופּעט זיך דער ווייסער צוויט.

ב.

מיין צווייטער אורח איז אַ פּויער.
זיין פּראַצע ערשט פֿאַרקויפֿט אין שטאָט,
געקויפֿט זיך זאַלץ און נאַפֿט, און דזשעגעכץ,
און אַ לאַמפּאַדקע פֿאַר זיין גאָט.

ער עסט און רויכערט, רויכערט . . . פּיפּקעט . . .
דאָס גיט אים גאָט אַן אַדעראַף:
די קנוילן רויך — אויף וואָל און לייוונט,
אויף קליינע, ווייס־געקרויזטע שאָף.

ג.

מיין דריטער אורח איז אַ פֿישער.
ניט איינמאָל שוין פֿאַרזוכט דעם טעם
פֿון שטורעם, וואָלקנבררוך און נעפּל,
און — קען ניט לעבן אָן דעם ים!

איך ברענג אים ברויט און ווײַן צוטראָגן.
ער טרינקט צום געזונט פֿון יעדן בוים:
— ל ח י י ם, ז י ב ן ג ר י נ ע י מ ע ן!
ל ח י י ם, ו ו י י ס ע ר ו ו ע ל ן ־ ש ו י ם!

ד.

מײַן פֿערטער אורח — אַ ציגײַנער.
ער גייט פֿון סטעפּ פֿאַרבײַ מײַן הויז.
ער טראָגט אין האַנט אַן אַלטע פֿידל
און אין די צײַן — אַ רויטע רויז.

ער שפּילט און זינגט פֿון נאַכט און מוידן,
פֿון שוואַרצע צעפּ, פֿון ווינט געקעמט . . .
די עפּל אויפֿן בוים זיך רויטלען —
זיך פֿאַר דער אָוונט־זון פֿאַרשעמט . . .

ה.

מײַן פֿינפֿטער גאַסט — אַ בלינדער בעטלער.
ער גייט צוריק פֿון יאָר־יאַריד.
ער האָט געזונגען און געבעטלט —
און ער איז הייזעריק און מיד.

איך זעץ אים אין דעם בלויען שאָטן
פֿון אַלטן קאַרשנבוים, וואָס בליט.
ער זעט דעם בוים ניט . . . זאָל ער פֿילן
די ריחות כאָטש פֿון ווײַסן צוויט . . .

ו.

מײַן זעקסטער אורח קומט אין אָוונט
אין בגדי־שבת אָנגעטאָן.
איך נעם אים אויף מיט שטילער חדווה
און זעץ בײַם טיש אים אויבנאָן.

כ׳צינד אָן לכבוד אים די לייכטער,
שטעל ווײַן, לייג חלה, פֿלייש און פֿיש.
מיר מאַכן קידוש, זינגען זמירות,
און גאָט זיצט צווישן אונדז ביים טיש . . .

ז.

דער זיבעטער, דער לעצטער אורח!
זיין גוף איז קליין . . . זיין שאָטן — גרויס . . .
ער דרעמלט ביי מיין טיש און חלומט.
דאָס לעצטע שבת־ליכט גייט אויס.

ס׳איז טונקל, אויפֿן דנאָ פֿון בעכער
גליט קוים אַ לעצטער טראָפּן ווייַן.
און אויף די זיבן גרינע בוימער —
וועט גאָט זיך שוין מרחם זיין.

אַ זעגל

דער שפּינער שפּינט
פֿאַר ים און ווינט
אַ ווייסן פֿישער־זעגל.

די זון פֿאַרגייט
און זעצט זיך רויט
ביים שפּינער אויף די נעגל.

ער שפּינט און שפּינט . . .
דער פֿאָדים רינט,
ווערט לענגער, דינער, גרינגער . . .

און אויף דער וואַנט
שווימט אום זיין האַנט,
פֿינף מידע שאָטן־פֿינגער.

דאָס פֿענצטער — בלוי,
דער פֿאָדים — גרוי,
און גרוי, און בלוי דער הימל.

דעם שפּינערס ראָד
דערציילט אַ סוד
און שפּינט אים איין אין דרימל . . .

— פֿאַראַן אַ שלאָף,
וואָס האָט קיין סוף . . .
אַזאַ מין טראַנס, מיין ליבער, — — — —

אין מיטן סוד
בלייבט שטיין דאָס ראָד
און רייסט דעם פֿאָדים איבער . . .

— אַ ן א ו י ג נ ב ל י ק !
ער וועט צוריק
דעם פֿאָדים באַלד פֿאַרקניפּן !

ווי אַ טונקלע רויג,
טריפֿט אויסן אויג
אַ טרער און גרייכט די ליפּן.

ער דערפֿילט אין טעם
פֿון טרער דעם ים,
דעם געפּל און דעם רעגן . . .

און — אַז אַ ים,
איז, מן הסתם,
שוין אויך פֿאַראַן אַ זעגל!

און אַז ער האָט
אַ זעגל, גאָט,
טו אים אַ נעץ באַשערן!

האָט גאָט דערהערט
און אים באַשערט
אַ נעץ געשטריקט פֿון שטערן.

— און ערשט אַצינד
אַ גוטן ווינט! —
די איינציקע מניעה —

דער ים איז ברייט,
די נעץ — פֿאַרשפּרייט,
און ליכטיק די נסיעה.

וועגן ווײַן און רויך

אַ מענטש, וואָס איז געניגט צו טרינקען ווײַן,
דאַרף קודם־כל זיך לערנען צו פֿאַרשטייען,
אַז גוטער ווײַן איז ווי אַ יונגע, שײנע פֿרוי —
דאַרפֿסט וויסן, ווי מיט איר זיך צו באַגייען.

צווערשט — הייב אויף דײַן ווײַן אַנטקעגן זון,
דער הימל זאָל דורך אים זיך בלוי דורכזיפּן;
דערנאָך — פֿיר צוויי, דרײַ מאָל פֿאַרבײַ דער נאָז
דאָס גלאָז און ברענג עס נאָענט צו די ליפּן . . .

און דאָ — באַהערש די תאווה אין דײַן בלוט,
ניט נויג זיך צום נסיון . . . און דער עיקר —
ניט טו אַ פֿאַל צום טרונק, ווי דאָס וואָלט זײַן
אַ קאָרעטע . . . דאָס פּאַסט זיך פֿאַר אַ נאַר, אַ שיכור.

ריר אָן מיט דײַנע ליפּן לעבן ראַנד דעם שוים,
און טו אַ זופּ, מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן;
ס'איז נאָך אַ רעגן . . . שטייסט ביים ברעג פֿון ים,
און זעסט, ווי ס'שפּיגלט זיך אין אים דער רעגנבויגן . . .

טו צוויי, דרײַ מאָל אַ צינגל מיט דער צונג אַרום
די ליפּן דײַנע — ציטערדיקע, פֿרומע, שטילע;
פֿאַרגיי זיך פֿאַר התפּעלות אין אַ שטילן — „ה־אַ־אַ"!
ווי דו וואָלסט מורמלען איצט צו גאָט אַ תּפֿילה.

איצט שטעל פֿון האַנט אַוועק דאָס גלאָז מיט ווײַן
און רו זיך אָפּ נאָך יעדן זופּ באַזונדער,
און אויפֿגיין וועט אַ גאַרונג אין דײַן בלוט,
אַזאַ, ווי איידער עס געשעט אַ וואונדער . . .

און אַז דער קאָפּ ווערט שווער, די וויעס פֿאַלן צו —
גיב איבער זיך מיט לײַב און זעל דעם דרימל,
און אויפֿגיין וועט דײַן רו, ווי נאָך אַ רעגנשפּריי
דער ריח פֿון דער ערד, צום אויסגעקלאָרטן הימל.

און דאָס, וואָס דו ווייסט זען — פֿאַרנעם און גלויב.
דען יעדער זעאונג, אָנונג, חלום, רמז —
איז דאָס, וואָס האָט געזאָלט געשען און ניט געשען —
אַליין דער חלום בלויז . . . דער חלום נאָר איז אמת.

#

די זעלבע כללים גילטן אויך פֿאַר אַ ציגאַר —
פֿאַרשטייט זיך, דער — פֿון אָפּשטאַם און פֿון יחוס . . .
ווער רעדט פֿון יענעם מין, וואָס ווערט געמאַכט
פֿון וויניטשע און שטרוי, פֿון אַלטע סטריכעס!

דאָ מיינט מען דעם האַוואַנאַ . . . די סומאטרא זשופּיצע.
דאַרפֿסט וויסן ווי אַזוי מיט אים זיך צו באַנעמען.
דאַרפֿסט וויסן ווי מען בייסט דעם פּטום אָפּ, און ווי אַזוי
דאָס פֿייער אונטערטראָגן אים . . . דו קענסט אים נאָך פֿאַרשעמען! . . .

עס שאַדט בכלל ניט —אויב דו ווייסט נאָר ווי אַזוי —
די מדות־רעות דיינע איינצוצוימען.
אַ מענטש איז ניט מחויב צו וואַליענען מיט פּלאַכטעס רויך,
ווי ער וואָלט שטייען אויף אַ דאַך און זיין אַ קוימען . . .

צוערשט — די אויסערלעכע שענקייט פֿון ציגאַר,
די קילע אַטלעס־גלאַטקייט צווישן דיינע פֿינגער;
דערנאָך — דער אַראָמאַט, דער רויך, וואָס ווערט
מיט יעדן צי אַלץ בלויער, דינער, גרינגער.

דריי איין דעם לאָמפּ, מאַך האַלב די אויגן צו,
און לאָז די בלויע פֿעדימלעך זיך קנוילן:
אין יעדן פּלאָנטער נעסטלט זיך אַ שטילער סוד,
אַ זעאונג אַ פֿאַרנעפּלטע פֿאַרהוילן.

אין יעדן בלויען קנײלכעלע ליגט איינגעהילט,
אַ ווייטע בענקעניש, אַ חלום־בילד, אַ רמז.
דער חומר — דער ציגאַר אַליין — איז ביטער, גאַל!
דער עיקר איז דער רויך . . . דער רויך איז אמת.

באַטראַכט דעם זילבערנעם שקאַרמוץ אויף דיין ציגאַר,
וואָס וואַקסט און וואַקסט מיט יעדן צי באַזונדער,
און כאַפּ אַ קוק צום זייגער, צו די ווייזערס צוויי —
טיק־טיק — אַ נס . . . טיק־טאַק — אַ וואונדער . . .

דאָס רעשטל פֿון ציגאַר — ניט וואַרף אַוועק, פֿאַרלעש ניט!
אָט — הער זיך איין צום טליען און וועסט הערן,
אין לעצטן בלויען פֿעדימל, וואָס ציט אַרויף — אַ סוד!
— דער מידער שלאָף איז זיס, ווי דאָס אַנשלאָפֿן ווערן.

אַ באַלאַדע וועגן אַ קאַרשנבוים

(וואַריאַנט)

זיי זיצן הינטערן קאַרשנבוים
אין שאָטן פֿון די צווייגן,
און ברוגזל זיצט צווישן זיי,
און אַלע דרייען שווייגן.

נאָר ברוגזל איז קליין און מיד,
און אים באַפֿאַלט אַ דרימל,
איז בלייבןביידע אויג אויף אויג
אַליין מיט וואַלד און הימל.

די צווייגן — דין, די בלעטלעך — גרין,
אין וואַלד די שוואָמען שמעקן . . .
זי וויל פֿאַר אים איר שטילן סוד
פֿון הינטערן האַרץ אַנטפּלעקן.

זי הייבט די אויגן אויף און זאָגט:
— דו זעסט דעם קאַרש דעם שוואַרצן
דאָרט אויף דעם העכסטן צווייג? . . . איך שפּיר
אַ גלוסטעניש אין האַרצן . . .

— דער צווייג איז דין, דער קאַרש — נאָך גרין.
ס'איז שווער אים צו דערלאַנגען!
— ניט זאָג מיר אָפּ! . . . כ'בין צוליב דעם
אין וואַלד אַריין געגאַנגען.

איר פּנים רויזלט זיך ווי בעז.
זי לאָזט אַראָפּ די אויגן.
נאָר — וואונדערלעך! — דער העכסטער צווייג
הויבט אָן צום גראָז זיך בויגן . . .

ער בויגט זיך, בויגט זיך ביז צו דר'ערד:
— דאָ בין איך! וואַרט נישט . . . נעם מיך!
געטאָן האָט גאָט מיט אונדז אַ נס! —
זיין רצון . . . ניט פֿאַרשעם מיך!

עס ליגט דער שוואַרצער קאַרש אין גראָז
און שטראַלט אַנטקעגן הימל,
נאָר ברוגזל דערשמעקט דעם קאַרש
און כאַפּט זיך אויף פֿון דרימל.

ער טוט די גרינע אייגעלעך
פֿאַרגאַפּט און ברייט אָן עפֿן:
— דער שוואַרצער קאַרש אין גרינעם גראָז!
אַ נס געמוזט האָט טרעפֿן!

נאָר זי קוקט אָן דעם שוואַרצן קאַרש
און לאָזט אַראָפּ די אויגן:
— אומזיסט האָט גאָט דעם גרינעם צווייג
צום גרינעם גראָז געבויגן . . .

ליד פֿון אַלע לידער

איך קום צו דיר אין מיט פֿון נאַכט בשעת דו דרימלסט
און זעץ זיך אויף דיין קילער שאָטן־שוועל אַנידער.
דו חלומסט . . . כ'הער זיך איין מיט אַלע מיינע חושים.
די אומעטיקסטע נאַכט־חלומות דיינע — מיינע לידער.

אין אַלע נעכט פֿון גייענדיקן יאָר כסדר
וועל איך אַזוי־אָ זיצן אויף דיין שוועל און הערן,
ווי דורך דיין חלום ציען דיינע דינסטע פֿעדים
און וועבן איין אין זיך די נאַכט מיט אירע שטערן.

איך הער זיך איין . . . דאָס האַרץ מיינס שיידט זיך אָפּ,
הויבט אָן זיך ווירבלען אין אַ קרייז אַרום מיין פֿענצטער —
אַ בלינדע שמעטערלינג אַרום אַ שפּיגל־בלויען פֿייער —
אָ, לאַנג־געגאַרטע פֿרייד! אָ, חלום מיינער שענצטער!

אין נעכט פֿון שטערן און אין נעכט פֿון טריבע רעגנס
נאָך ווירבלט אום אין קרייז דער שמעטערלינג אַ מידער.
אין שפּינוועב מינען זיך די רעגנס און די שטערן.
אָ, מידער שמעטערלינג! אָ, ליד פֿון אַלע לידער!

איך וויל אייך דערציילן

איך וויל אייך דערציילן . . .

ביי מיר אין גאָרטן וואַקסן לידער

ספֿרים

היימיש ברויט

יציאת נשמה

בלעטערנדיק אַן אַלטן בילדער־אַלבאָם

אַ מעשה וועגן אַ שוסטער, וואָס האָט געהאַט אַ מיאוסע טבע — זינגען

אין טאָל פֿון די בלינדע

דער אַכזר

דער שוויגער

ספֿר החלומות

אַ פֿולע בויד מיט ווייבער

אין קריג מיט דעם ים

שעפּסן

אַ מענטש אַ מרה־שחורהניק דערציילט

ביי מיר אין גאָרטן וואַקסן לידער

ביי מיר אין גאָרטן וואַקסן לידער
צווישן בלעטער פֿון מיין זיידנס סידור.
אויף צווייגן — זילבערנע מנורות
אין שאָטן פֿון געדיכטע דורות.

דער אַלטער גערטנער זיצט אַ מידער
און היט די רייפֿע פּירות — לידער.
זיין בליק, פֿאַרפֿלאָכטן אין די צווייגן —
אַ שטום און ישובדיקער שווייגן:

— געמעגט די פּרוכט אַרונטערנעמען!
— וואָס איז די אייל? צו וואָס?! פֿאַר וועמען?!
— פֿאַר קינדער, אייניקלעך . . . פֿאַר — קרובים!
— דו פֿראַוועסט שמחות? היטסט יום־טובים?

— פֿאַר זיך אַליין! . . . דער ווינטער רוקט זיך! . . .
— צו שפּעט אין האַרבסט אַרומגעקוקט זיך!
דער אַלטער גערטנער טוט אַ ציטער:
— אָט, אָקאָרשט וואָס . . . אַ ווייס־צעבליטער! — — — —

די זון פֿאַרגייט. די שטערן גליען.
דורכן גאָרטן ווייסע ווינטן ציען.
דער זיידע מישט זיין אַלטן סידור
און תהילימט מיינע קליינע לידער.

ספרים

דער אַלטער יאָס פּאָרילער איז געווען אַ פּראָסטער ייד
מיט ברייטע פּלייצעס און פֿאַרגרעבטע הענט.
געטראָגן האָט ער שטיוול יוכטאָווע, אַ לייוונטענע העמד;
אפילו עברי, דאַווענען, האָט ער קוים געקענט.

נאָר אין אַ ווינקל פֿון זיין קרעטשמע ווי אַ יתום
געשטאַנען איז אַן אַלמער פֿון סאָסנאָוון האָלץ
מיט ספרים, אַ ירושה פֿון אַן עלטער-עלטער-זיידן נאָך,
וואָס איז געווען זיין יחוס און זיין שטאָלץ . . .

און אַז אַ ייד אַ למדן איז פֿאַרבייגעפֿאָרן ווען זיין דאָרף,
צי סתם אַזוי אַן איידלער ייד, אַן אָרעמאַן
און אָפּגעשטעלט זיך נעכטיקן, — געדאַרפֿט אַ ספֿרל —
האָט ער געוואוסט — ביי יאָס פּאָרילער איז פֿאַראַן.

און יאָס פּאָרילער פֿלעגט שוין טרעפֿן צו דעם ספֿרל
מיט זיינע אויסגעהאָרעוועטע, בלינדע הענט.
דערביי האָט אויפֿגעקוועלט פֿאַר נחת אים דאָס האַרץ:
האָט שלאָפֿן יענע נאַכט שוין ניט געקענט.

געלעגן ווי אויף הייסע קוילן, זיך געדרייט, געקרעכצט,
האָט ממש ניט געקענט געפֿינען זיך קיין אָרט:
אַ למדן איז געווען ביי א י ם אין קרעטשמע און געבאָרגט
ביי א י ם , ביי יאָס פּאָרילער, גאָטס אַ הייליק וואָרט.

די שטערן גליען אויף די טונקלע שויבן איבער אים.
די ליפּן מורמלען עפּעס, נאָר ער ווייס ניט וואָס.
אים דאַכט זיך, יעדער שטערן אויף דער בלויער שויב
איז הייליק, מחמת יעדער שטערן איז אַן אות.

ער הערט דעם למדנס תורה-ניגון אין דער שטילער נאַכט,
דאָס שטילע פּלאַפּלען פֿון דעם אַלטן וואַסער-ראָד,
זיין עלטער-עלטער-זיידנס פֿרום-פֿאַרדביקהט קול:
ש מ ע י ש ר א ל . . . ד׳ א ל ה י נ ו . . . ד׳ א ח ד !

ה י י מ י ש   ב ר ו י ט

הערש ריסאָשער, דער ריסאָשער מילנער, זיצט ביים טיש
און מעלה־גרהט שלעפּעריק און מיד.
ער טוט אַ זיפּץ און זאָגט:
— איך ווייס, וועסט לאַכן מן הסתם,
דאָס ברויט ביי דיר דאָ, אין אַמעריקע,
האָט גאָר קיין טעם,
לחלוטין נישט קיין טעם!

ביי אונדז אין דר׳היים איז אַנדערש —
ברויט איז ברויט!
דו נעמסט אַריין אַ ביסן ברויט אין מויל אַריין,
דערפּילסטו ממש ווי עס לאָפּטשעט אונטער דיינע ציין.
איך רעד שוין ניט פֿון לאַבן ברויט אַליין . . .
איך מיין —
ביי אונדז אַ לאַבן ברויט פֿאַרכאַפּט דאָס אויג:
אַ הדרת־פּנים, באַלעבאַטיש, קייל׳כדיק, פֿול און — שיין!
געדיכט מיט טשערנישקע באַשפּרענקלט, ווי דער דאַך
מיט שטערן אין אַ זומערדיקער נאַכט, אין דר׳היים.
די סקאָרינקע פֿון אויבן צוגעניטעט, גאָלדיק־ברוין.
עס שעמערירט אין אויג! — כאַטש נעם
און טו דאָס אָן זיך אויפֿן שטערן פֿאַר אַ קרוין.

ביי אונדז אין דר׳היים
איז אַנדערש. ברויט איז ברויט!
און דאָ? — איך זאָל ניט זינדיקן מיט מיינע רייד —
ליים!
איך פֿרעג ניט איינמאָל זיך אַליין:
וואָס האָט אַ שטייגער פֿאַר אַ טעם
אַ לאַבן ברויט, וואָס איז מ ח ו י ב צו זיין כסדר פֿריש.
(סך הכל ווייס איך, אַז אַזאַ מין ברויט איז פֿאַרן מאָגן סם!)

דערימעך טאַקע איז קיין חידוש נישט —
וואָס דאָ, דאָס ברויט דאָס היגע, פֿילט זיך,
ווי אַ ווייטער אורח ביי אַ פֿרעמדן טיש.
אַז יעדן אינדערפֿרי, באַגינען, טראָגט מען ס'דיר אַריין
פֿון פֿרעמדן דרויסן דורך דער הינטער־טיר,
פֿאַרחתמעט אין אַ זעקל פֿון פֿאַרחלבטן פּאַפּיר,
צעבראָקט אויף דינע־דינע פּעניצלעך, ווי פֿלעסטערלעך,
כאָטש נעם און לייג זיי צו צו אַ געשוויר.

ביי אונדז אין דר'היים איז אַנדערש.
דאָס ברויט איז פּאַניבראַט מיט דיר און מיט דיין הויזגעזינט.
ס'איז אייגן, היימיש מיטן טיש.
און אַגב איז ביי אונדז אַ לאַבן ברויט —
אפֿילו אַלט־געבאַקן — פֿריש!

עס לייגט זיך אויפֿן שכל. פּשוט. זעסט אַליין
מיט דיינע אויגן, ווי דער פּויער אַקערט, בראָגעוועט, פֿאַרזייט.
צונויפֿגעוואָקסן מיט דעם אַקער טיאָפּקעט ער פּאַמעלעך נאָכן פֿערד,
און הינטער זיינע טריט דאָס פֿעלד דאָס רחבותדיקע ליגט
צעקעמט אין לאַנגע שרונטן שוואַרצע גרודעס ערד.
דערביי איז איבער דיר דער הימל ווייס־צעזשאַרעט און די זון
איז הויך און פֿלאַקערט, ווי אַן אָנגעגליטער בעקן פֿון טשוגון.
און מיט דעם אַלעמען איז פֿאָרט די היץ געשמאַק, מחיה, הייס!
אַז אַלץ אינאיינעם איז צונויפֿגעמישט:
די זון, דאָס פֿערד, די ערד, דער פּויער און דעם פּויערס שווייס.

ביינאַכט, בשעת דו דרעמלסט איין, דערהערסטו אויפֿן דאַך:
דער זומערדיקער רעגן גרייפּלט, ווי אַ דריבנער, דינער שרויט.
דער רעגן חזרט איין די ברכה מיט די שינדלען אויפֿן דאַך:
— המוציא לחם מן הארץ — ברויט!

און אַז דו עפֿנסט אויף די אויגן אינדערפֿרי
באַמערקסטו אויף די שוואַרצע גרודעס, וואָס אין פֿעלד,
ווי ס'פּויזען גרינע ווערעמלעך — די ערשטע זריעה־שפּראָצונגען:
גאָטס חסד און גאָטס שכר דעם פּויער פֿאַר זיין מי.

דערימעך, אַז דו נעמסט דעם ביסן ברויט אין מויל אַריין,
דערשפּירסטו הינטערן גומען: רעגן, זון און טוי,
דעם ריח פֿון אויפֿגעאַקערט פֿעלד, פֿון קילע גרודעס ערד,
אַפֿילו — זאָלסט מיר מוחל זיין — דער גנוי,
וואָס פֿאַלט אַראָפּ פֿון האַרעפּאַשנעם אָקס, פֿון מידן פֿערד
פֿאַרמאָגט אַזאַ מין פֿעפֿערדיקן ריח און איז געשמאַק,
מחמת ס׳האָט זיך דאָך צום אַלטן שרש אומגעקערט —
צוריק געוואָרן זריעה, רעגן, ערד און טוי . . .
מפֿונקסט זיך . . . ס׳איז אָבער פֿאָרט אַזוי!

ביי אונדז אין דר׳היים, בשעת עס קומט דער ערב־שניט,
דער טאָג איז, ווי דער גלות לאַנג, דער הימל גליט.
עס פֿלאַקערט איבער דיר די הייסע תמוזדיקע זון,
ווי אין קוזניע אויפֿן פֿלאַם
אַ פּאַדקאָווע פֿון ווייס־צעזשאַרעטן טשוגון,
און פֿורן פֿולע פֿירן פֿון דעם פֿעלד אַרויף צום שייער
סנאָפּעס קופּער,
סנאָפּעס זילבער,
סנאָפּעס גאָלד
און סנאָפּעס פֿייער.
דאָס גאַנצע דאָרף איז זיך מתעסק מיטן דרעשן:
הויפֿנס פּריסעק,
קופּעס פֿייער,
בערג מיט זשאַר.
ביז די אָסיען־רעגנס לאָזן זיך אַרונטער און פֿאַרלעשן
אויפֿן פֿעלד די ברוין און רויטע סטערניעס און — אַ סוף!
ס׳דרעמלען איין די דעכער, און דאָס דאָרף פֿאַרזינקט אין שלאָף.

דו קענסט מיר אפֿשר שענקען אַ ציגאַר טיטון?
בעת איך רויכער גייט ביי מיר אין דמיון אויף:
דאָס דאָרף, דער סטעפּ, דער וואַלד און הינטער אים — די זון.
כ׳דערפֿיל פֿונסניי דעם ריח פֿון פֿרישע גרודעס ערד,
דעם שוויס פֿון דער געדיכטער גריווע אויפֿן נאַקן פֿון דעם פֿערד,
דעם דינעם ריח פֿון ערשטע שפּראָצונגען צעגרינטע נאָכן לעצטן שניי,

דעם שאַרפֿלעכן גערוך פֿון גרינע אוגערקעלעך, קנאָבל, ציבעלקעלעך, קרויט;
דעם אַראָמאַט פֿון שוואָמען נאָך אַ רעגן, דעם געשמאַק פֿון קילן בעז,
דעם פֿרישן הויך פֿון אקאַרשט־אויפֿגעגרינטע זאַנגען ברויט,
דעם ריח פֿון קאַרשן־צווייט, פֿון פֿריש־געקאָסעט היי.

איך זע פֿונסניי די אַלטע קרעטשמע, די האָרבאַטע מיל,
דערפֿיל דעם ריח פֿון ווייסן פּול פֿון מעל, וואָס אָטעמט קיל
אַרויס פֿון באַלקן, פֿון די ברעטער אין צעלעכצטן דיל,
פֿון יעדן שפּאַלט און שפּאַרע אין דער סוקעוואַטער וואַנט.
דערימעך, אַז דו נעמסט אַריין אַ זשמעניע מעל אין האַנט,
דערשפּירסטו, ווי ס׳איז ווייך ווי סאַמעט, גלאַט ווי זייד.
און דאָ? — ניט שטראָפֿן זאָל מיך גאָט פֿאַר מיינע רייד —
קרייד!
די פּאַפּיראָסן דיינע, מאָל דיר, טויגן אויך,
ווי זאָגט מען, אויפֿן פֿייער . . . גוט אין דר׳ערד!
נאָר מילא, רויך איז רויך —
עס העלפֿט דיר פֿאַרט פֿאַנאַנדערטרייבן דעם טומאַן אין מוח.

כ׳דערמאָן זיך — דאָרט אין דר׳היים:
פֿאַרטאָג. אין מזרח־ווינקל נעמט שאַריען קוים.
די זון פּאַמעלעך טוט אַ שטרעק אַרויס איר גאָלדן שטריימעלע
פֿון אונטער דעם געדיכטן גרינעם וואַלד אַפֿיר.
און לעבן פּלויט, ווי אַ מנורה, צינדט זיך אָן
דאָס קרומע „קאַרליקל“ — דער אַלטער עפּלבוים.
דאָס פֿענצטער טוט אַ פֿלאַם, צעבליט זיך, ווי אַ פֿייערדיקע רויז,
צינדט אָן די ערשטע שפּראָצונגען פֿון זומערדיקן טאָג
אין אַלע ווינקעלעך ביי דיר אין הויז.

די אשת־חיל דיינע, אָקאָרשט נאָר אַרויס פֿון בעט,
ביים מולטער שטייט אין הוילן העמד און קנעט.
דאָס טייג דאָס וואַרמע סווישטשעט אונטער אירע זשוואַווע הענט.
דאָס קאַניצל אין ווינקל זשמורעט, ווי אַ דרימלענדיקע קאַץ,
באַטראַכט די שייטלעך האָלץ אין אויוון ווי זיי שטיקן זיך
אין רויך, פֿאַרהוסטן זיך און ווערן ברוין און בלוי.
אַ רגע — און די ספּאָזמע גייט פֿאַרביי. דער אויוון טוט אַ שלוכץ,
כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און צעפֿלאַקערט זיך אויף ביידע באַקן מיטאַמאָל.

דאָס פּייער כאַפּט אַרום די טשעליעסטעס, עס הודיעט, ברומט. עס ברענט!
אַ כאַפּטע לאַנגע פּייער־צונגען וויקלען זיך אַרויס פֿון קנוילנדיקן פּלאָם
און נעמען לעקן. לעקן אויס די לעצטע ברעקלעך שאָטן, וואָס די נאַכט
האָט אין פֿרימאָרגעדיקער איילעניש פֿאַרגעסן אין די שטופּלען פֿון די ווענט.

פֿון פריפּעטשיק אַנטקעגן קוקט אין פּנים דיר אַריין
אַ פֿריילעכע כאַליאַסטרע פֿרישע, צאַפּלדיקע לאַבנס ברויט
מיט גאָלדנע יאַרמעלקעלעך אויף די קעפּ,
די בעקלעך צוגעניטעט טונקל־ברוין,
פֿאַרפֿאַליעט, ווי ציגיינערלעך אין סטעפּ.

דערימעך, אַז דו וואַשסט זיך, מאַכסט המוציא,
דערלאַנגט דיר אין דער נאָז אַריין אַ שלאָג
דער ריח פֿון קימל, טשערנישקע און מאָן;
דערפֿילסט, ווי ס׳שמעקט מיט זשיוויצע פֿון אויסגעברענטן האָלץ,
און אין די נאָזלעכער פֿאַרגייט דיר אַ גערוך
פֿון שוויס, פֿון זויערטייג, דער טעם פֿון וואַרעם, נאָענט לייב . . .
(געוועזן, עליה־השלום, אַ געניטע בריה, אַ געטרייע ווייב).

און הערש ריסאָשער, דער ריסאָשער מילנער, לאָזט אַראָפּ
די אויגן זיינע אין דער וויסער באָרד אַריין,
גראָבט איין אין ביידע הענט דעם ציטערנדיקן קאָפּ.

ווער ס׳קען ניט הערש ריסאָשער, וואָלט געמיינט,
אַז הערש ריסאָשער, דער ריסאָשער מילנער, וויינט.

אפֿשר?

יציאת נשמה

נישטאָ, מיר דאַכט זיך, אויף דער וועלט קיין צער קיין גרעסערער,
ווי ווען דו הערסט אַ מאַנסביל בעטשען אויף אַ קול.
דו זעסט: אין העליש פֿייער ווי עס שמעלצט פֿאַנאַנדער זיך
ביז גליענדיקן לאַווע־זשאַר אַ רויער באַליעק שטאָל.
דו הערסט: בעת אַ וואַלקן־ברוך, ווי שווערע שטיינער קייקלען זיך
פֿון הויכע בערג אַרונטער אין דעם אָפּגרונט פֿון אַ טאָל.

איך האָב געהערט מיין גרויסן טאַטן וויינען אויפֿן הויכן קול,
בעת די מאַמע מיינע איז געלעגן אויפֿן גוססדיקן בעט.
די גסיסה האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אונטערגייען פֿון דער זון.
די אויגן האָט זי צוגעמאַכט אין אָוונט, זייער שפּעט.
די גאַנצע צייט איז זי געווען ביי די געדאַנקען, ביזן סוף.
האָט אָנגעזאָגט . . . דערמאָנט . . . געגעבן עצות און גערעדט.

דער טאַטע איז געזעסן אויף אַ נידעריקן בענקל לעבן בעט;
דאָס פּנים — קרייד; די אויגן, מחמת ניט דערשלאָפֿן, רויט;
די ליפּן — איינגעשרומפּן. שווער געווען צו טרעפֿן ווער פֿון זיי:
די מאַמע, צי דער טאַטע — אָדערביידע זיינען טויט?
דערוואוסט האָב איך זיך ערשט דעם אמת, אַז איך האָב דערהערט,
ווי „ראַבטשיק" וואָיעט הינטערן עפּלבוים ביים פּלויט.

וואָרעם „ראַבטשיק" האָט זי זייער ליב געהאַט. ער האָט דערשפּירט,
אַז די האַנט, וואָס פֿלעגט אים האָדעווען, איז צוגעמאַכט
אויף אייביק: וועט אים מער ניט צערטלען און ניט עפֿענען
פֿאַר אים די טיר פֿון קאַמער אין אַ רעגנדיקער נאַכט;
און אַז איך, דער טאַטע, ער, להבדיל, בלייבן עלנט, נע־ונד,
ווי די צוויג, וואָס האָט אים אויף דער וועלט געבראַכט.

צי האָט געוואָיעט „ראַבטשיק" טאַקע אויף צון אמתן ביינאַכט? —
אַזויפֿיל יאָרן שוין פֿאַרביי זינט דאַן . . . כ'געדענק אים קוים!
דער פּלויט איז אויך שוין מן הסתם גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.
און לאַנג פֿון מאָיל צעפּרעסן איז שוין אויך דער אַלטער עפּלבוים.
אַוודאי גליקלעכער איז „ראַבטשיק" פֿון מיין טאַטן און פֿון מיר:
געשטאָרבן איז ער אויף זיין אייגן בערגל מיסט אין דר'היים.

נאָר הערן האָב איך פֿאָרט געהערט אים וואָיען אויף אַ קוויטשיק קול
אין יענער טרויעריקער וויסטער שעה נאָך האַלבער נאַכט.
כ׳געדענק אפֿילו, ווי די מאַמע האָט צום טאַטן אויסגעדרייט איר קאָפּ,
און מיט אַ ציטערדיקן קול געזאָגט: — ס׳וועט רעגענען ביינאַכט.
פֿאַרגעס ניט, הערשל, נעם אַריין דאָס גרעט, וואָס אויפֿן פּלויט. —
דערביי האָט זי אַ זיפֿץ געטאָן און מיד די אויגן צוגעמאַכט.

צי האָט די מאַמע אויף אַן אמתן געמיינט דאָס ווייסע גרעט,
וואָס איז געהאַנגען ערגעץ אויף אַ נעפּלדיקן פּלויט?
צי האָט זיך בלויז איר אויסגעדאַכט? — אַ סברה, אַז אַ מענטש
לעבט איבער ס׳גאַנצע לעבן זיינס אַ רגע פֿאַרן טויט —
צי האָט זי די תכריכים אירע גאָר געמיינט, וואָס זי האָט דאָרט
נאָך אין דער אַלטער היים זיך אָנגעגרייט? . . .

זי האָט דאָך מיטגענומען פֿון דער היים איר פּוכעוואַטן איבערבעט,
אַ צוויי־דריי שטיקלעך פֿון איר קופּערנעם געפּעס,
די לייכטער און דאָס שטויסל, און די טאַץ פֿון לויטערן קרישטאָל.
ווי אַזוי זי האָט דאָס גאַנצערהייט דערפּירט . . . איז נאָר אַ נס!
— ווער ווייס — האָט זי געטראַכט — צי איז מען זיך ניט נוהג דאָרט,
און מען באַערדיקט נאַקעט, אָן תכריכים, גאָט באַהיט, דעם מת?

איך ווייס ניט, וואָס די מאַמע האָט זיך נאָך אין יענער שעה געקלערט,
בעת זי האָט אויף אייביק אירע שיינע אויגן צוגעמאַכט?
איך ווייס נאָר, אַז איך האָב געהערט ווי „ראַבטשיק" האָט געקלאָגט
און ווי דער גרויער רעגן האָט געוויינט אַ גאַנצע נאַכט . . .
כ׳בין גרייט צו שווערן ביי אַ ריניקייט, אַז דאָס וואָס איך דערצייל,
איז וואָר! — כ׳האָב קיין זאַך פֿונם קאָפּ ניט אויסגעטראַכט.

בלעטערנדיק אַן אַלטן בילדער־אַלבאָם

די מערסטע זיינען שוין מיט אונדז נישטאָ.
זיך לאַנג פֿון אונדזער וועלט שוין אָפּגעשיידט.
זיי טויכן אָבער אויף אין מיין זכרון אָפּט:
געשטאַלטן, שאָטנס, תנועות, נעמען, רייד.

דער אַלטער

אָט דער, דער אַלטער מיט דער ווייסער קיילעכדיקער באָרד,
דערמאָנט דיך אָן אַ מילראָד, וואָס דאָס טייכל האָט מיט שוים
אַרומגעוויקלט, לויפֿנדיק אַרונטער באַרג צום גרויען סטאַוו.
דאָס גאַנצע לעבן זיינס געווען אַ מילנער אין דער היים.
ער קוקט דיך אָן אַ מרה־שחורהדיקער, און ער זאָגט: — מיין זון,
ד י י ן ים איז טאַקע ברייט און שטורעמדיק... ס׳איז נאָר אַ שאָד,
וואָס מ׳קען קיין בריק ניט מאַכן און אַוועקשטעלן אַ מיל.
כאָטש נעם די זון און מאַך פֿון איר אַ וואַסער־ראָד.

די אַלטיטשקע

און אָט די אַלטיטשקע מיט דעם געבלימטן טיכל אויפֿן קאָפּ.
דערמאָנט דיך אין אַן אַלטן, אָפּגעבליאַקעוועטן ציפֿערבלאַט:
די גרויע ווייזערס פֿעלן... און די ציפֿערס — אָפּגעמעקט.
— דאָס רעשטל יאָרן ציילן לוינט זיך ניט כמעט.
אַ פֿרעמדע וועלט, מיין קינד! די אַלטע היים — אַ חלום שוין.
דאָס טייג אין מולטער זייערט זיך... נישטאָ קיין כח!
ד י י ן היגער אויוון, אַ טשוגונענער אפילו, ברענט אָן האָלץ.
מיר בענקט זיך אָבער פֿאָרט נאָך זשאַר און האָלעוועשקע־רויך...

זלידניע

און אָט דעם דאָזיקן פֿאַרשוין האָב איך ניט ליב געהאַט,
ווי וויט כ׳האָב נאָר געקענט, אים אויסגעווייכט.
צוליב אַ קלייניקייט!... זיין האַנט האָט מיך דערמאָנט
אַ זשאַבע: גליטשיק, לעבלעך, ווייך און פֿאַרנע־פּייכט.
דערביי האָט ער געהאַט אַ טבע וויטען זיך מיט דיר
און האַלטן היפּשלעך לאַנג דיין קווענקלענדיקע האַנט
אין זיינער פֿאַר אַ משכון, אַז ער האָט דיך ליב,
איז ממש איבערגליקלעך, וואָס ער איז מיט דיר באַקאַנט!

דער „פּראָפעסאָר״

און אָט־אָ־דעם טשודאַק האָב איך כמעט ווי פּיינט געהאַט.
אַן אַלטער בחור, וואָס „שטודירט״ אויף אַ — „בעל נס״,
אַזאַ „פּראָפעסאָר״, וועלכער הײלט דורך שטערנזעעריי . . .
נאָר אײדער וואָס, האָט ער געענדיקט אויף אַ — מת . . .
געבליבן איז נאָך אים אַ לולב־גרינער פּאַפּוגיי,
אַ שוואַרצע קאַץ, אַ שראַנק מיט ספרים כלערליי,
אַ טאָג־בוך און אַ לאַנגער קאַליגראַפישער כתב־יד:
אַ װ ו י כ ט י ק װערק: „צי גײט אויף דער לבנה שניי״.

דער פּעטער זיאַמע

און אָט־דער־אָ מיט דער שוואַרצער הערצל־באָרד,
אין דער משפחה אונדזערער דער סאַמע־ראָדנער בחיר,
אַ קלײניקײט? — דער פּעטער זיאַמע פּאַמאַראַנץ פון קיעוו!
דער גרויסער למדן און דער תקיף, און דער גביר!
פּיף־פּאַף . . . געפלויגן נאַשפּיץ הינטערן גלאָק! . . .
גערעשט . . . געפירט מסחרים מיט דער גאַרער וועלט.
געדרייט זיך, ווי אַ ווינטמיל אין אַ שטורעמווינט,
געדרייט . . . און אַלע צוויי־דריי יאָר זיך אָפּגעשטעלט . . .

דער שפּיצעכדיקער

און אָט־אָ דאָס פּאַרשווינדל! ניט געקענט אים סובל זיין!
אַ שפּיצעכדיקער ייד . . . דער קין, די נאָז, די באָרד,
דער בליק . . . ווען כ׳וואָלט ניט מורא געהאַט פאַר גאָט,
וואָלט איך געוועזן באַגאַנגען חס ושלום נאָך אַ מאָרד!
און רעדן פלעגט עס רעדן מיט אַ ווייניק שמייכעלע,
און ווערטער — דריבנע, שפּיצעכדיקע, דינע שטעך.
און ס׳געלעכטערל — ווי איינער וואָלט געשאָטן פון אַ זאַק
אָן אויפהער האַרטן אַרבעס אויף אַן אַלטן בלעך . . .

דער „פּאַפּירענער" קרוב

און דער — אַ נאָענטער קרוב פֿון דער ווייטער ווייט.
געוואוינט וואו אין אַ ווייס־פֿאַרשנייטער וועלט . . .
נאָר מחמת ער איז אונדזער אייגן פֿלייש און בלוט
האָב איך אים אין אַלבאָם אַריינגעשטעלט.
פֿאַרמאָגט האָט ער צוויי קלוגע אויגן, שוואַרץ ווי פּעך.
כסדר דאַכט זיך, אַז ער שמייכלט אומעטיק צו דיר.
איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען, נאָר — כ'האָב אים ליב
דעם נאָענט־ווייטן „קרוב פֿון פּאַפּיר".

דער נסתּר

און דעם? — אָט דעם האָב איך שוין ליב געהאַט ביז גאָר!
אַ שטילער מענטש מיט שטילע אויגן, שטילע רייד.
— „דער טרויער — פֿלעגט ער זאָגן — רעדט אַ סך.
געציילטע ווערטער רעדט די קלוגע פֿרייד".
נאָר איינמאָל שפּעט ביינאַכט אינמיטן האַרבסט
האָט ער זיין נאַכט־לאָמפּ פּלוצים איינגעדרייט . . .
האָט עפּעס אויסגעטרונקען און געטאָן אַ כאַרכל: — פּ־ע־ע־ע!
דאָס שפּאָרעוודיקסטע וואָרט . . . זיין שכלדיקסטע פֿרייד . . .

קלאַרנעט

און די? — זי האָב איך זייער, זייער ליב געהאַט!
געוועזן איז זי שיין און לאַשטשענדיק, ווי אַ קלאַרנעט.
האָט ליב געהאַט מוזיק און טאַנץ, און פּאָעזיע.
נאָר ניט דעם ליריקער, דעם אָרעמען פּאָעט.
אַריינגעזונגען האָט אין איר דער נאַר: דעם ים,
דעם הימל און די זון . . . געהאַפּט און זיך געריכט:
ער וועט מיט זיינע לידער אָנצינדן איר האַרץ,
בשעת זיין אייגן האַרץ געצאַנקט האָט, ווי אַ ליכט . . .

געטריישאַפּט

און אַט דאָס ווייבלעכע געשטאַלט, וואָס קוקט אַרויף צו דיר,
דערמאָנט דיך אָן אַ ווינט־אַרומגעשיילטן בוים,
וואָס לויפֿט פֿון פֿעלד אַרויס דיך צו באַגעגענען,
בשעת דו איילסט זיך אָנצוקומען אויף ביינאַכט אַהיים . . .
עס וואַקסט פֿאַר דיינע אויגן פּלוצים אויס אַ שטוב:
פֿיר ווענט, אַ טיר, אַ ליכט אין פֿענצטער און אַ דאַך.
דער רויך פֿון קוימען זאָגט דיר אָן: עס קאָכט זיך וועטשערע,
און אַז אַ קינד דיינס וואַרט אויף דיר ביים סוף פֿון שליאַך.

איך אַליין

און דאָ בין איך אַליין — אַ מיטליעריקער פּאַרשוין.
אויףביידע שלייפֿן פֿרעסטלט זיך אַ פּוכקער גרוי . . .
דער קאָפּ איז אָבער נאָך נישקשה בלאָנד, דער שטערן גלאַט.
די בלויע אויגן, דאַנקען גאָט, נאָך קינדיש־בלוי.
נאָר „אים״? — וואָס איז דאָ שייך, צי כ׳האָב אים ליב?
ס׳איז פּריקרע פּשוט מיר צו ריידן גאָר דערפֿון.
איז לאָמיר בעסער ריידן וועגן ים: ווי שיין ער איז,
בשעת עס לאָזט אַרונטער זיך אויף אים די זון . . .

אַ מעשה וועגן אַ שוסטער, וואָס האָט געהאַט אַ מיאוסע טבע — זינגען

יעקב גלאַטשטיין

צו זיין פּופּציק־יאָריקן געבוירנטאָג

אַן אַלטער כלל . . . פון אייביק אָן און אַלע מאָל:
דער עושר וואוינט אין רחבות אויפן באַרג,
דער אָרעמאַן, דער אביון כאַליעט אונטן, טיף אין טאָל.

און דאָס, וואָס איך וועל אייך דערציילן איצט,
איז אַ פּראָסט און פּשוט מעשהלע און — גאָרנישט ניי.
אַ טאָל האָט שוין אַ טבע כידוע רק צו ליגן הינטערן באַרג.
אין אָט אַזאַ מין טאָל געשטאַנען איז אַן איינגעהויקערט שטיבעלע:
אַ דאַך, אַ טיר און קרום־קאַסאָקע קליינע פּענצטער דריי.
אין שטיבל וואוינט אַן אָרעמאַן, וואָס איז מפרנס זיך,
זיין ווייב און זיינע קינדערלעך פון שוסטעריי,
דער עיקר פון — פּאַרלאַטען שיך.

אין שיינע זומערדיקע טעג,
בשעת די זון פּילט אָן מיט ליכט און וואַרעמקייט דעם טאָל.
איז ער זיך נוהג, און ער שטעלט אַרויס זיין שוסטער־בענקעלע
אין דרויסן פּאַרן שוועל, שיט אָן אַ פולן מויל
מיט שאַרפע שוואַרצע שטיפטעלעך, גלעט אויס דעם זויל,
הויבט אויף דעם האַמער און צעזינגט זיך אויף אַ קול.

פון פרי־באַגינען ביז די זון פּאַרגייט
אַן אָפּשטעל קלינגט זיין ליד און ווערט ניט מיד.
אוודאי מוז מען ווייב און קינד מפרנס זיין —
דער עיקר אָבער איז ביי אים דאָס ליד.

דער עושר, דער וואָס וואוינט דאָרט אויבן אויפן באַרג,
באַטראַכט דעם שוסטערס זינגעכץ, ווי אַ בייזע שטראָף.
ער האָט נישט קיין מנוחה, בעת ער שלאָפט, בעת ער וואַכט, בעת ער עסט.
דער עיקר ליידט ער חרפּות־בושה, אַז עס קומען צו אים געסט.

דער נגיד האָט אַ מיאוסע טבע און ער מיינט —
אַז אַלצדינג, וואָס דאָס האַרץ זיינס גאַרט און גלוסט,
איז צום פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ פּרוטה און אַז ניט,
איז פֿאַר אַ רענדל, אויב דו קענסט ניט אַנדערש און דו מוזסט.

איז הויבט ער אויף זיך איינמאָל אין אַ שיינעם אינדערפֿרי דער גביר
און לאָזט אַרונטער זיך אין טאָל אַריין, קלאַפּט אָן ביים שוסטערוק אין טיר
און זאָגט: — איך בין דיין שכן, דער וואָס וואוינט דאָרט אויפֿן באַרג.
איך בין השם יתברך רייך, פֿאַרמאָג אַ גוטע האַרץ און בין נישט קאַרג.
דעם אמת אָבער מוז איך מודה זיין פֿאַר גאָט און לייט:
דיין זינגעכץ שטעקט מיר ווי אַ ביין אין האַלדז,
די נחלה דיינע ליגט מיר ווי אַ מכה הינטערן זייט . . .
פֿאַרקויף די נחלה מיר. אין מקח איז דאָ קיין מניעה ניט!
דער שוסטער הויבט זיך אויף פּאַמעלעכל פֿון אָרט:
— אַ דבר אחר — טראַכט ער — ביסטו טאַקע, נאָר אַ שכן פֿאָרט.
עס טוט אַ כליאַסקע מיטן זויל און מאַכט אַ צוויי־דריי טריט,
און זאָגט צו אים בזה הלשון: — הער!
אָט דאָס־אָ, וואָס דו זעסט . . . כ׳פֿאַרמאָג נישט מער.
פֿונדעסטוועגן איז פֿאָרט די וועלט מיר נישט קיין כאַליעווע.
דאָס בידנע לעבן, וואָס איך לעב — קיין עיפּושדיקער זויל,
און מיינע טעג, וואָס גאָט פֿאַרווייסט זיי מיט אַביסל ליכטיקייט —
קיין שטעכעדיקע שטיפּטלעך, וואָס אַ שוסטער שפּייט אַרויס פֿון מויל . . .
די חיי־שעה אין דרויסן פֿאַר מיין שוועל — קיין דראָטווע ניט,
און ס׳זשמענקעלע מטבעות, וואָס דו באָטסט מיר אָן — קיין ליד!

מיין עלטער־עלטער־זיידע האָט געוואוינט אָט דאָ אונטער דעם דאַך.
די אבות מיינע, פּראָסטע לייט, געווען
נאָר ערלעך און באַגלויבט, ווי זייער פֿאַך.
דערנאָך דער פֿאָטער מיינער און אַצינדערט —— איך.
דאָ האָבן זיי געלעבט, געשוסטערט און געלאָטעט שיך;
דאָ זיינען זיי, אַזוי ווי איך, געווען גאַנץ מיט גאָט,
אין שלימות מיט דער אָרעמקייט, מיט זייער שווער געמיט . . .
דאָ זינגט מיין האַרץ און ערגעץ אַנדערש — קען עס ניט.

דער עושר שטומט אַ רגע און ער חזרט איבער נאָכאַמאָל:
— איך בין השם יתברך רייך, פֿאַרמאָג אַ האַרץ און בין נישט קאַרג.
דאָס לאַנד אַרום, וואָס נעמט אַריין דעם באַרג,
געהערט צו מיר און מיינע, ווי דו זעסט.
איך בין מתחייב זיך צו שענקען דיר אַ זעקל רענדלעך — ג אָ ל ד ע נ ע!
אויב דו וועסט זיבן טעג ניט זינגען . . . מחמת איך האָב היינט
פֿאַרבעטן אויף אַ גאַנצער וואָך צו זיך אין פּאַלאַץ געסט.

דער שוסטער טראַכט אַ רגע, און ער זאָגט צו זיך אַליין:
— דאָס זעקל רענדלעך גריילעך וואָלט צונוץ געקומען מיר.
און אגב פֿאָדערט דאָך דער שכן מיינער ניט קיין סך . . .
די קינדער גייען נעבעך באָרוועס . . . דאַרפֿן שיך.
(וואָרעם אַלע שוסטער גייען באָרוועס . . . שוין אַן אַלטער כלל.)
דאָס ווייב — אַ קלייד; מיין שטוב, די אַלטע באָביצע — אַ דאַך.

— — — געשלאָסן אַ געשעפֿט!

פֿאַרטאָג. אין טאָל איז שטיל . . . דער עושר זיצט
מיט זיינע שיינע געסט אין גאָרטן. און דער טאָג
שפּאַצירט פֿאַרביי דעם פּאַלאַץ און דעם באַרג.
די זון האָט מיט אַ זייטל זיך אין טאָל אַריינגעגליטשט . . .

— — — ויהי ערב ויהי בקר יום אחד.

די שאָטנס קומען זיך צונויף און נידערן אַראָפּ אין טאָל.
דער אָונט־שטערן, ווי אַ שפּין אַ זילבערנע, נעמט נידערן צום באַרג.
מחיה . . . וואויל . . . נאָר פּלוצים, מיטאַמאָל
באַמערקט דער גביר — אַ שאָטן קלעטערט אויפֿן באַרג.
אַ שאָטן און . . . דאָס זעקל רענדלעך זיצט ביים שאָטן אויפֿן קאַרק.

— מיין האַר, איך האָב דיין זעקל רענדלעך נאָך ניט אָנגערירט,
גערן שענק איך דיר אַוועק מיין טאָג, וואָס דו האָסט אָפּגעקויפּט ביי מיר . . .
ווי אויך די שעהן, וואָס דער אומעט האָט ביי מיר אין האַרץ פאַרצערט . . .
אַ גאַנצן טאָג האָב איך געטראַכט, און גוט דעם ענין דורכגעקלערט:
די וועלט איז ניט קיין כאַליעווע!
דאָס לעבן — ניט קיין שלומפּערדיקע זויל,
און מיינע בידנע טעג — קיין שטיפּטלעך ניט,
וואָס סתם אַ שוסטערוק, ווי איך, שפּייט אויס פון מויל . . .
און מיינע שעהן — ניט קיין פּאָסטעלעס קיין פויערשע,
וואָס קרעמער ברענגען צום פאַרקויפן ביים יאַריד.
און אַ זעקל רענדלעך, ווען אַפילו גאָלדענע, איז ניט קיין ליד!

דער עושר האַלט דאָס זעקל רענדלעך אויף דער האַנט,
ווי אויף אַ וואָגשאָל . . . שאַצט און וועגט עס לאַנג.
דער שוסטער קערט זיך מיטן רוקן אום צום גביר
און נידערט צו דעם טאָל אַראָפּ מיט אַ געזאַנג.

אין טאָל פֿון די בלינדע

— יואל ענטין

„דער חלום מאַכט דעם מענטש צום נאַר",
קרימט איבער גאָטס יצירה.
נאָר איך, דער נאַר פֿון ליד, איך זע
אין חלום ניט קיין סתירה.

איך חלום טאָג אַזוי ווי נאַכט,
ווארם וואַכן וואַך איך זעלטן.
אין חלום בין איך גאָט צו־גלייך:
איך בוי . . . מאַך חרוב וועלטן.

און די חלומות, וואָס איך זע,
בעת איך דרימל אין אַ מידער —
דער וועלט דערציילן קען מיין האַרץ
א פֿ י ל ו ניט אין לידער!

ערשט לעצטע נאַכט האָט זיך אַנטפּלעקט
אַ חלום מיר אין דרימל.
אינמיטן וועלט — אַ הויכער באַרג,
וואָס גרייכט אַזש ביז צום הימל.

און איך? — איך קלעטער אויפֿן באַרג
און רייס, בשעת איך קלעטער,
פֿון נאַכט די שטערן, ווי דער ווינט
אין האַרבסט פֿון בוים די בלעטער.

— ד ע ר ש פּ י ץ פֿ ו ן ב אַ ר ג ! . . . מיר טוט דאָס האַרץ
פֿון פֿרייד און אַנגסט אַ ציטער.
עס שטייט די נאַכט — אַ בוים אין האַרבסט,
די בלעטער — געל און שיטער.

אַ פּחד, ווי אַ שאַרפֿער פֿראָסט,
איז בלוט איז מיר פֿאַרגאַנגען:
די הוילע צווייגן קאָרטשען זיך
און שיפּען, ווי די שלאַנגען.

און די לבנה הינטערן באַרג,
אַ קראָ אַ בייזע קראַקעט:
— אַרומגעפּליקט דעם בלויען בוים,
געלאָזט אים הויל און נאַקעט!

די ערד איז ווייט . . . אַן אייביקייט . . .
אַ שאָטן קוים געדענקט זיך . . .
איך קוק אַראָפּ צום טונקלען טאָל,
און ס׳האַרץ אין מיר פאַרבענקט זיך.

דערשפּירט האָט גאָט מיין בענקעניש.
מיך פאַרן האַנט גענומען —
אין טאָל איז פינצטער נאָך געווען,
בעת מיר זיינען אָנגעקומען . . .

כ׳הויב אויף צוויי זשמעניעס שטערן־ליכט —
די פינצטערניש צעשפּאַלט זיך.
אין טאָל ווערט ליכטיק אויף אַמאָל,
ווי גאָט וואָלט דאָרט צעשטראַלט זיך.

נאָר מיט דער ליכטיקייט גייט אויף
אַ מורמלעניש פון ווייטן,
ווי אַ פאַרפלייצונג וואָלט אויף מיר
געשפּאַרט פון אַלע זייטן.

דאָס מורמלען שטייגט, דערנענטערט זיך
געשווינדער און געשווינדער.
איך הויב די אויגן אויף און זע
אַ כמאַרע — בעטלער בלינדע.

איך עפן אויף דאָס מויל פאַרגאַפט,
די ליפּן קוים זיי שטאַמלען.
— דערשפּירט דאָס ליכט פון שטערן און
מיר טוען זיך פאַרזאַמלען!

אַ ים מיט אויסגעשטרעקטע הענט!
ס'בליצט אויף מיר אַ מחשבה:
— וועל שענקען יעדער בלינדער האַנט
אַ שטערן — אַ נדבה!

— אין ליכט פֿון שטערן זאָלט איר זען
די זון, די ערד, דעם מענטשן,
גאָטס ווייסע וועלט, און איר זאָלט אים
און זיינע מעשים בענטשן!

אַ וואַלד מיט הענט פֿאַרברודיקטע?
כ'פֿאַרגין זיך . . . טייל נדבות!
„אָ, גאָט פֿאַרגיב מיר מיינע זינד,
וואָרם „צ ד ק ה ת צ י ל מ מ ו ת!"

די בלינדע נויגן זיך פֿאַר מיר,
זיי בויגן זיך און בוקן.
און יעדער מיט זיין ליכט אין האַנט
הויבט אָן זיך אָפּצורוקן . . .

עס פֿלעמלען אין דער פֿינצטערניש,
ווי פֿאַקלען, הענט און שטערן.
אַ רגע — און אין טאָל ווערט שטיל.
ס'נעמט טונקלער, טונקלער ווערן.

אין טאָל ווערט פֿינצטער, ווי געווען.
חוץ מיר — נישטאָ דאָ קיינער!
נאָר פּלוצים און עס טוט אַ פּראַל
אַ מבול! . . . ס'האָגלט שטיינער!

כ'הויב אויף די הענט, קער אָפּ דעם קאָפּ,
איך פּרוואוו זיך ראַנגלען . . . ווערן . . .
איך בויג זיך אָן, הויב אויף אַ שטיין —
אַן אויסגעברענטער שטערן!

(אין חלום — טויזנט יאָר — אַ פֿונק,
פֿון שטורעם בלינד געטראָגן.
עס קענען טויזנט נעכט פֿאַרביי
און — איינמאָל נאָר זאָל טאָגן.)

וואָרם איידער כ'האָב נאָך צייט געהאַט
אַ פינטל טאָן אפֿילו,
האָט אויפֿגעשטורעמט אַ געשריי:
— פֿ אַ ר ש ט ײ נ ט א י ם ! . . . ס ק י ל ה ! ס ק י ל ה !

ה אָ ט װ ע ל ט ן א ױ ס ג ע נ אַ ר ט ב ײ א ו נ ד ז ,
א י ן ב ל י נ ד ק י י ט א ו י ס ג ע ב ע נ ק ט ע ,
פֿ אַ ר ש ט ע ר ן — פֿ אַ ל ש ע ב ל ע נ ד ע נ י ש . . .
ק מ צ נ י ש ד י ק ג ע ש ע נ ק ט ע !

— צ ע פ ר אַ ל ט פֿ אַ ר א ו נ ד ז ד י ט ו י ע ר ן
פֿ ו ן ס ד ו ם , פֿ ו ן ש כ ם , פֿ ו ן נ י נ ו ה ! — — —
איך כאַפּ זיך אויף: עס האָגלט שווער,
הינטערן פֿענצטער וויינט די רינווע.

דער אַכזר

א מעשהלע

פֿון זינט ער האָט אין אַ געשלעג דאָס רעכטע אויג פֿאַרלוירן,
האָט זיך אַ שנאה אין זיין בלוט צעסמט און אויפֿגעיוירן.

פֿון יאָר צו יאָר, פֿון טאָג צו טאָג, געוואָרן בייזער, שלעכטער.
פֿאַרגינט זיך ניט אַ שמייכל טאָן; אַביסל פֿרייד, געלעכטער.

באַמערקט ער, אַז עס שוועבט פֿאַרביי זיין פֿענצטערל אַ פֿייגל,
נעמט שפּריצן, ווי אַ שלאַנג, ביי אים מיט גיפֿט דאָס לינקע אייגל.

דערזעט ער ווי עס גאָלדיקט זיך אין שכנס פֿעלד דער קאָרן,
פֿאַרשעלט ער יענעם דאָס געביין, און ווינטשט אים כרת־יאָרן.

באַמערקט ער ווי אַ וואָלקן גייט דעם דורשט פֿון וואַלד אַנטקעגן,
איז ער מבטיח — האָגל, שניי, צפֿרדע — נאָר ניט רעגן!

זיין אַלטער עפּלבוים, וואָס שטייט ביי אים אַנטקעגן פֿענצטער,
און איז ווי על־פּי־נס אין גאַס דער העכסטער און דער שענצטער —

איז ווי אַ דאָרן אים אין אויג . . . ער קריכט אין די גרגרת! —
בפֿרט נאָך פֿרילינג־צייט בשעת ער בליט און איז מעוברת . . .

באשר: ער פֿאַרשטעלט די זון — כאָטש ער האָט תכלית־שנאה
זי פֿיינט, און וואָלט דערטרינקען זי אין עיפּוש פֿון דער רינע.

איין זומער, אַז דער עפּלבוים איז אים צום שענצטנס געראָטן,
האָט ער פֿאַר כעס אים אויסגעהאַקט — דעם בוים — נאָר ניט דעם שאָטן!

דער שאָטן, — אָן דעם בוים — ער הענגט ווי פֿריער אַן אויסגעשפּרייטער
אַרום דעם הויז . . . עס דאַכט זיך אויס: ער איז נאָך גרעסער, ברייטער.

די שכנים לויפֿן זיך צונויף, און יעדערער באַזונדער
באַטראַכט דעם שאָטן און ער שטוינט: — אַ נס! אַ געטלעך וואונדער!

עס שטיין שוין טויזנטער אַרום און גאַפֿן אויף די נעגל.
מען טאַנצט אַנטקעגן אים, ווי ער וואָלט זיין אַ צווייטער עגל . . .

נאָר יעדער איינער איז דעם נס, דאָס וואונדער אַנדערש תופֿס:
— דאָס קען נאָר אַ מכשף טאָן! — דער מענטש איז אַ בעל־מופֿת!

— די מופֿתים זיינע וואָס ער ווייזט איז נישט צום נאָכדערציילן!
— נישטאָ קיין קריפּל אויף דער וועלט — ער זאָל ניט קענען היילן!

און קאַליקעס פֿון גאָר דער וועלט זיך מערן און פֿאַרמערן —
אויף רעכטס אַ באַרג מיט רענדלעך, און אויף לינקס אַ קוואַל פֿון טרערן.

וואָרעם יעדער ברענגט, וואָס ער פֿאַרמאָגט: — ווער רענדלעך און ווער טרערן:
סיי רייך ריי אָרעם — יעדער גאַרט און וויל געהאָלפֿן ווערן . . .

דער אכזר זיצט אין זיין קאטוך פֿאַרשפּאַרט, ווי אין אַ תּפֿיסה,
און קלערט און טראַכט נאָר ווי אַזוי זיך אָנצוטאָן אַ מיתה:

— צונויפֿגעפֿלויגן זיך אַהער, ווי ווילדע מדבר־עופֿות!
כ׳זאָל ווערן זייער הייליקער — אַ נביא, אַ בעל־מופֿת!

דאָס אייגל גליט, דאָס אייגל היט דורך דער בלינדער לאָדן־שפּאַרע.
אַן אימה פֿאַלט אים אָן: — וואָס וויל די וויסטע מענטשן־כמאַרע?!

די בלינדע סאָוועס קענען אים נאָך צום נסיון ברענגען . . .
אים מאַכן פֿאַר אַ הייליקן . . . ער וועט זיך הענגען! הענגען!

און — איינמאָל אַ פֿאַרטאָג בשעת די זון איז אויפֿגעגאַנגען,
איז ער אַרויס צום שאָטן און אויף אים זיך אויפֿגעהאַנגען.

דער שאָטן האָט זיך אָפּגעטאָן . . . דער קוואַל — באַלד אויסגערונען.
אנשטאָט אַ הויפֿן רענדלעך — האָט די זון אַ שטיין געפֿונען . . .

#

עס איז נישטאָ קיין שוואַרצער שניי . . . נישטאָ קיין קראָ קיין ווייסע . . .
ווער ס׳וויל קען גלויבן, אַז ס׳איז וואָר; ווער ניט — איז דאָס אַ מעשה.

דער שווייגער

דעם גאַנצן וועג בשעתן פֿאָרן
איז ער געזעסן אויף אַן אָרט
אַן אָנגעלאָדענער מיט צאָרן
און ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

מיר זיצן אַלע שטום און קוקן
אויף אים און אויף זיין גרויען זאַק.
די כמורנע ליפּן זיינע צוקן
און ס'בלעזלט זיך ביי אים אַ באַק.

ער וואַרפֿט אויף אונדז אַ מרה־שחורה.
עס נעמט אונדז דורך אַ פֿריקרע קעלט.
מיר זיצן, ווי געליימט פֿון מורא,
ווי ס'וואָלט אונדז אָטעם אויסגעפֿעלט.

מיר טוליען איינגער זיך צוזאַמען:
— אָ, העלף אונדז, גאָט, עס זאָל געשען
אַ נס! באָדיי — אַ לקוי חמה!
אַבי דאָס פּרצוף זיינס ניט זען!

קיין נס איז ניט געשען אפֿילו,
דאָך טונקלער איז געוואָרן באַלד:
דערהערט האָט גאָט די שטומע תּפֿלה,
און אונדז באַשערט אין וועג אַ וואַלד . . .

דער וואַלד איז שטיל, ווי אַ בית־עולם,
און פֿינצטער, ווי אַ ניטל־נאַכט.
מען זעט אים קוים, דעם סטראַשנעם גולם,
דאָך יעדערער באַזונדער טראַכט

פֿון פֿרעמדן ברוגזן בורילע
און וואָס ער פֿירט ביי זיך אין זאַק:
אַ העמד אויף שבת? טלית און תּפֿילין?
צי, חס ושלום, גאָר אַ האַק?!

ווי לאַנג מען איז אַזוי געפֿאָרן
אין וואַלד ? — אוודאי דריי־פֿיר שעה.
נאָר ווי ס'איז עטוואָס העל געוואָרן,
האָב איך באַמערקט — ער איז נישטאָ!

סוף נאַכט. עס פֿלאַטערט די לבנה.
דער שאָטן אירער אויף דער ערד —
אַ בלוילעך־ווייסע קליינע נאָנע
לויפֿט פֿאָרויס באָרוועס פֿאַר די פֿערד.

פֿון וואַלד — אַ שטרעקע אָפּגעטראָטן,
מען זעט די ביימער שוין ניט באַלד,
דאָך, דאַכט זיך, אַז דעם פֿרעמדנס שאָטן
יאָגט נאָך . . . און הינטער אים — דער וואַלד.

מיר זיצן שטום, געליימט און שווייגן.
מיר הערן עכאָס טעמנע, טעמפּ.
עס קלאַפּט אַ האַק . . . עס קרעכצן צווייגן,
און אַלע ווילע פֿאַלט אַ דעמב.

ספּר החלומות

געלעבט האָט פֿאַרצייטנס אַ חכם אַ גרויסער,
אַ מתמיד בתורה, אַ שאַרפֿער זכרון.
האָט ער אין אַן אייגענעם ספר באַשריבן
זיינע אַלע חלומות אין גאַנג פֿון די יאָרן.

געלעבט און — געשטאָרבן. דאָס ספר געלאָזן
צום קינפֿטיקן דור, וואָס דאַרף קומען באַלד נאָך אים.
אין יעטווידן דור, לויט השגחה עליונה.
ווערט פּלוצים נתגלה אַזאַ מין־אַ חכם.

געקומען דער דור און מיט אים אויך דער גאון.
איז זיצט ער און בלעטערט דאָס ספר, און בלעטערט;
— וואָס לאָזט ער מיך הערן? . . . וואָס איז ער דאָ אויסן? . . .
עס האָט דאָך אַ וועלט אים באַוואונדערט, פֿאַרגעטערט! . . .

ער זוכט און ער נישטערט. ער מישט און ער בלעטערט . . .
דעם תמצית, דעם תוך קען ער פֿאָרט ניט געפֿינען.
ער בלעטערט, ער מישט, ביז עס נעמט זיך אים מישן
אין קאָפּ . . . און דער חכם גייט אַרונטער פֿון זינען.

זיין שטול איז נאָך וואַרעם . . . דאָס ספר נאָך אָפֿן.
עס קומט שוין אַ חכם אַ נייער צוגייען.
ער זעצט זיך אַוועק און — באַמערקט אויפֿן גליון
צוויי אותיות פֿאַרצייכנט — צוויי רונדיקע פֿיי״ען.

דאָך זיצט ער און בלעטערט, און בלעטערט, און בלעטערט.
דער קאָפּ איז שוין וויס, און דער רוקן — געבויגן.
דאָס ליכטעלע שמעלצט זיך . . . עס זיצט איבערן ספר
אַ גרייז־גרויער שאָטן מיט בלינדע צוויי אויגן.

עס שמייכלט אין פֿענצטער אַריין די לבנה,
עס פֿויזען אַרום אויף די בלעטער די שטערן
צווישן גליאיקע אותיות און טריפֿלעך פֿון חלב,
צווישן צייכנס פֿון פֿינגער און פֿלעקן פֿון טרערן.

אַ דור גייט אַוועק און אַ דור קומט צוגייען.
עס זיצט שוין ביים ספֿר אַ חכם אַ פֿרישער,
דער אמתער שווימער . . . ביי אים איז דאָס ספֿר,
אַ ים אין אַ שטורעם, און ער איז דער פֿישער.

ער שווימט און ער שווימט, און — געכאַפּט אויף דער ווענטקע!
— וואָס צאַפּלט זיך דאָרטן? . . . אַ פֿיש צי אַ שטערן?
דאָס אייגענע האָרץ אויפֿן האַטשיק פֿאַרטשעפּעט!
— היתכן? — דאָס וועט שוין אַן אַנד׳רער דערקלערן . . .

ער כאַפּט אויף די פֿעדער, טונקט איין זי אין טינטער,
געשריבן, געמעקט און געמעקט, און פֿאַרשריבן
אַ שורה מיט פּינטעלעך, פּאַסקעלעך, נולן —
פֿון חכם פֿון גרעסטן איז — גאָרניט געבליבן . . .

אין יעטווידן דור איז פֿאַראַנען אַן עקשן.
עס זיצט שוין ביים ספֿר אַ חכם אַ נייער
מיט אַלע צען פֿינגער צעשפּרייט אויף די בלעטער
שאַרט פֿאַנאַנדער די אותיות, בלאָזט פֿאַנאַנדער דאָס פֿייער . . .

אַ פֿייער ברענט אויס, און דאָס אַש ווערט פֿאַרווייעט.
ביים חכם אין אויג קוים אַ שימער פֿאַרבליבן.
ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויפֿן פּויסט . . . כאַפּט אַ דרימל —
ביים זייט אויפֿן גליון — דריי נולן פֿאַרשריבן . . .

דאָס ספֿר גייט איבער פֿון איין דור צום צווייטן,
פֿון יורש צו יורש, פֿון יורשים צו יורשים.
דער עיקר — פֿאַרגעסן. מען קראַצט די גליונות:
— נו, טאַקע, וואָס זאָגן די נייע מפֿרשים?

דעם עיקר פֿאַרגעסט מען, און קיינער דערמאָנט ניט.
עס זיצט ביים צערונצלטן בוך פֿון חלומות
אַ חכם אַ דרייסטער און דריבלט, צעדריבלט
די חכמה — ירושה פֿון צענדליקער שלמהס . . .

ער בייסט מיט די ציינער, ער רייסט מיט די נעגל.
אַ פּלעמל, אַ שימער, אַ ניצוץ, אַ — רמז!
ער זוכט און ער נישטערט, ער זוכט און — געפֿונען!
אַ ליכטיקער אוצר! דער אמת! דער אמת!

דער חכם איז אָבער, ווי אַלע חכמים,
פֿאַרחלשט פֿון דורשט . . . און פֿאַרמאַטערט פֿון יאָרן.
די ליפּן פֿאַרשרפֿעט, די אויגן פֿאַרלאָשן,
די צונג הינטערן גומען — געליימט אים געוואָרן.

דער סוד וועגן אמת — נישט זוכה געוועזן.
אַוודאי וועט קומען אַ חכם אַ נייער!
ווער ציילט די פֿאַרצערטע אין פֿלאַם פֿון דעם אמת?
די שטערן אין הימל? די מאָטלעך אין פֿייער?

#

אַז דאָס ספֿר וועט קומען צו מ י ר , צו דעם חכם,
וועל איך עס ניט עפֿענען, די בלעטער ניט מישן.
איך וועל עס אַזוי ווי עס איז, אַ פֿאַרשטויבטן,
פֿאַרשטעקן צוקאָפּנס ביי זיך הינטערן קישן;

פֿאַרמאַכן די לאָדנס, פֿאַרריגלען די טירן,
צוקאָפּנס — די חכמה פֿון הונדערטער שלמהס —
זאָל זוכן ווער ס׳וויל זיך דעם תוך און דעם תמצית . . .
פֿאַר מיר — די והותר די בלינדע חלומות.

אַ פּולע בויד מיט ווייבער

— איבערדערציילט —

אַ פּולע בויד מיט ווייבער —
צוריק פון דעם יאַריד.
חנניה בעל־עגלה,
אַ רויט־באָרדאַטער ייד,

זיצט אויבן אויף דער קעלניע
צעלייגט און יאָגט די פערד.
עס ברענט אונטער די רעדער
פון אימפּעט אַזש די ערד.

פאַרביי שוין דעם בית־עולם,
דאָס וועלדל, באַלד — די בריק.
נאָר פּלוצים טוט חנניה
אַ דריי די בויד צוריק.

באשר ער האָט נעבעך
די קרעטשמע אויסגעפעלט,
אויף גיך פאַרבייגעפאָרן
און זיך ניט אָפּגעשטעלט.

(ער איז שוין אויסגעפאָרן
כמעט די גאַנצע וועלט
און קיינמאָל אונטערוועגנס
קיין קרעטשמע ניט פאַרפעלט.)

ער פאָרט און פאָרט . . . ס׳נעמט טונקלען
די בין־השמשות שעה.
שוין באַלד צוריק אין שטעטל —
קיין קרעטשמע איז נישטאָ!

חנניה איז מבולבל.
עס מישט זיך אים אין קאָפּ.
ניט אַנדערש, אַז ער בלאָנדזשעט,
פון גלייכן וועג אַראָפּ.

איז ער זיך גאָר מישב
און טוט אַ נעם זיך רעכטס.
די בויד שפּרינגט אויף דערשראָקן
און לאָזט אַרויס אַ קרעכץ.

נאָר פּלוצים — רויטע שויבן,
פיר ווייס־געקאַלכטע ווענט:
אינמיטן פעלד אַ קרעטשמע,
ווי אַ לאַמטערנע ברענט.

פון קרעטשמע, הערט ער, טראָגט זיך
אַ פריילעך קלעזמעריי.
ער טוט אַ צי די לייצעס
און זאָגט צום ווייבעריי:

— איך טרעט דאָ אָפּ אין קרעטשמע
אויף נאָר אַן אויגנבליק,
טרינק אויס אַ בלעכל בראָנפן,
פאַרבייס און — מאַרש צוריק!

ער טוט די טיר אַן עפן,
באַגעגנט אים אַ ייד,
אַ שוואַרצער ווי אַ קוימען
מיט לאַפּעס פון אַ שמיד.

הינטערן שיין פון ליכט און לאָמפּן —
צוויי אַרבל, ווייס ווי שניי . . .
אַ טאַץ מיט טאָרט און קוכנס,
אַ פלאַש און גלעזער צוויי.

— ל ח י י ם , ר ב ח נ נ י ה !
ער גיסט די גלעזער אָן.
— לחיים איז לחיים.
אַ ברירה? . . . ס׳קען מען טאָן?

די משקה פינטלט, פּינקלט.
ער נעמט צום מויל די גלאָז.
אַ שאַרפֿער ריח פֿון שוועבל
דערלאַנגט אַ זעץ אין נאָז . . .

נאָר אים, חנניהן, אַרט ניט.
ער טוט אַ שלוק . . . דאָס בלוט
צעפֿלאַמט זיך, טוט אַ פֿלאַקער . . .
עס ברענט, נאָר אים איז גוט!

ער זעט אַזוינס, וואָס ער האָט
נאָך קיינמאָל ניט געזען:
אַ קרעטשמע פֿול מיט נשים:
און מ ו י ד ן ! — בראַנד און ברען!

אין מוטער חוהס קליידער . . .
און אַלע — בלוט און מילך!
חנניה טוט אַ הירזשע,
אַזש די קרעטשמע טוט אַ הילך!

ער שטעקט אַריין אין גאַרטל
די בייטש און רוקט אַראָפּ
די קוטשמע אויף אַן אויער,
און לאָזט זיך גיין גאַלאָפּ.

ער טופּעט מיט די שטיוול,
ער פּליעסקעט מיט די הענט,
ער האָפּקעט ביז דער סטעליע,
אַזש ס'טרייסלען זיך די ווענט.

אָט שפּרינגט ער, ווי אַ קאָזע,
אָט שווימט ער, ווי אַ פֿיש,
אָט טאַנצט ער מיט אַ בליץ־לאָמפּ
אויפֿן קאָפּ אינמיטן טיש.

חנניהס אויגן בליצן,
זיין באָרד די רויטע ברענט:
— אַזויפֿיל נשים, מוידן!
נאָר גיי . . . בלויז איין פּאָר הענט!

חנניה טוט אַ סווישטשע,
צעלאַכט זיך, ווי אַ לץ,
פֿאַררייסט די פֿיס, נעמט בריקען,
ווי אַ יונגער זשערעבעץ.

נאָר פּלוצים אויפֿן בוידעם
דערלאַנגט דער האָן אַ קריי.
די קרעטשמע פּלאַצט, צעשפּרינגט זיך
מיט אַ בריאַזגענדיק געשריי . . .

חנניה בלייבט פֿאַרגליווערט
מיט אַן אויפֿגעריסן מויל.
די קרעטשמע ווירבלט, וויכערט,
פֿאַרדרייט זיך אין אַ קנויל.

דער קנויל ווערט קלענער, קלענער —
אַ שישקע־רויך ביי דר׳ערד.
די בויד הענגט אין דער לופֿטן
און הינטער איר — די פֿערד.

די האַלאַבליעס הויך פֿאַרריסן,
אַן לבנה אָנגעשפּאַרט,
ווי אַ לייטער . . . אויפֿן לייטער
אַ שאָטן זיצט און וואַרט.

— חנניה, שפּאַן די סוסים! —
חנניה קען דאָס קול.
— חנניה, ס׳גליט אין מזרח!
חנניה, ס׳טאָגט אין טאָל!

אין איין כהרף־עין
די סוסים איינגעשפּאַנט.
ער זיצט שוין אויף דער קעלניע,
די לייצעס אין דער האַנט.

די בייטש דערלאַנגט אַ סווישטשע,
אַ בליץ און טוט אַ קנאַל.
— וואוהין, אדוני פּריץ?
— צו גאַסט . . . אין כף־הקל!

עס האָפּקען אויף די גרודעס,
די רעדער, בויד און פּערד,
עס פּליען ממש פונקען
אַפּיר פון אונטער דר׳ערד.

די זון גייט אויף באַגינען,
פאַרגייט, גייט־אויף פונסניי.
— אונטערוועגנס זעקס מעת־לעת שוין,
שוין באַלד אַ וואָך פאַרביי.

ס׳איז פרייטיק, ערב שבת,
פאַרוואָגלט . . . ווייט פון דר׳היים . . .
פון צייט צו צייט אַ פויגל
און דאָ און דאָרט — אַ בוים.

„להדליק נר של שבת!״
דערהערט ער אַ געוויין.
ער טוט אַ קוק — אַ יאָדלע
אין מיטן פעלד אַליין.

זי שטייט אַנטקעגן מזרח
אַ גאָלדענע און ברענט.
אַרום איר שטייען ווייבער
מיט בענטשנדיקע הענט . . .

פון צווישן זייערע פינגער
דערלאַנגען זיך אַ שפּאַר
די שבת־קודש טרערן,
ווי פונקען גאָלד און זשאַר . . .

עס טונקלט. פעלד און הימל.
קיין ישוב איז ניטאָ.
נאָר דאָ זינגט־אויף די יאָדלע:
— לכו נרננה!

חנניה הויבט פֿאַרחידושט
די אויגן אויף:ביים זייט
פֿון וועג — אַ קרעטשמע . . . ס׳פֿלאַמען
פֿיר פֿענצטער פֿון דער ווייט.

זיין האַרץ ווערט מלא שמחה.
ער טוט פֿאַר פֿרייד אַ שאַל,
ווי אַ דורשטיקער אין מדבר,
וואָס דערזעט אַ וואַסער־קוואַל.

ער לויפֿט . . . עס פֿלאַמען פֿענצטער.
עס קלינגען אין דער נאַכט
ניגונים, קולות, כוסות,
נאָר דער טויער איז פֿאַרמאַכט.

חנניה קלאַפּט אין טויער.
אַ דונער טוט אַ קנאַל.
אים ענטפֿערט אַ געלעכטער:
— פֿאָר ווייטער . . . כף־הקל!

חנניה טוט אַ ציטער,
פֿון שרעק. ער כאַפּט זיך אויף:
משמעות, אַז די קעלניע
האָט אים איינגעוויגט אין שלאָף.

— אַ בייזער, וויסטער חלום!
ער טוט דריי מאָל אַ שפּיי —
עס שטייט ביים וועג אַ קרעטשמע,
נאָר חנניה פֿאָרט פֿאַרביי.

פֿונווייטנס ליכט ווי שטערן:
זיין שטעטל ווינקט פֿון טאָל.
ער מאַכט אַ „מי שברך״ . . .
און צעזינגט זיך אויפֿן קול.

אין קריג מיט דעם ים

באַלאַדע

געלעבט האָט אין האָלאַנד ניט ווייט פֿון דעם ים
אַ זקנה, אַ פֿישערס אַלמנה.
איר פּנים, געקנייטשט ווי דער ים, און איר קאָפּ
איז ווייס, ווי די ווינטער־לבֿנה.

דריי זין האָט די אַלטע אלמנה געהאָט,
דריי בריהשע פֿישער, דריי ריזן,
מיט שולטערן פֿון קופּער, מיט אָרעמס פֿון בראָנז,
מיט בליציקע אויגן, ווי שפּיזן.

#

עס זינגען די כוואַליעס בייטאָג און ביינאַכט
דעם פֿישער אַ שעלמישן ניגון:
— דער ים איז געווען דיר דיין וויג, און דער ווינט —
דאָס וויגליד, וואָס פֿלעגט דיך פֿאַרוויגן.

דער ים און דער נעפּל, די נאַכט און דער ווינט:
פֿיר ריטער, פֿיר רייטער אין שטורעם.
— דער ים איז פֿאַר איינעם אַ וויג, פֿאַר אַסך —
אַ גרויער בית־עולם מיט קברים.

דער ים און דער נעפּל, דער וואָלקן, דער ווינט . . .
עס רייסט פֿון דער קייט זיך דער שטורעם.
די פֿישער־אלמנה, זי וואַרנט די זין
און ברעכט אירע הענט פֿאַר יסורים.

זי וואַרנט, זי צאַרנט, זי שילט און זי בעט,
עס העלפֿט ניט מיט בייזן, מיט גוטן —
אַ קללה דעם ים, דעם טומאַן און דעם ווינט!
זיי האָבן פֿאַרסמט אייך די בלוטן!

#

עס שטורעמט דער שטורעם און שטורעמט זיך אויס;
די נאַכט און דער נעפּל — אַ חלום —
דריי שטערן אין הימל . . . דריי זעגלען איןווינט.
געשוואומען, געקומען בשלום.

עס זינגען פֿאַרשכורט די פֿישער די דריי:
— געפֿונען אין ים אַ גן־עדן!
אין ים ליגט אַ אינדזל . . . ביים ברעג שטייט אַ שלאָס,
אין שלאָס — דריי מכשפֿות, דריי מיידן!

דאָס לייב זייערס — אַטלעס, די האָר זייערס — זייד,
די אויגן — סאַפּיר־בלויע שטערן.
זיי גליען, זיי ציען . . . זיי צינדן דאָס בלוט!
אוי, מאַמע, משוגע צו ווערן!

די אַלטע זי הערט און זי שילט, און זי שווערט:
אַז בלינד זאָלן אייך ווערן די אויגן!
זיי האָבן פֿאַרנאַרט אייער פֿאָטער, דעם בער —
און ס׳בלוט אים פֿון האַרץ אויסגעזויגן . . .

עס לאַכן די פֿישער: — געבענטשט זאָל אונדז זיין
דער נעפּל, דער ים און דער שטורעם! —
דריי פֿישער . . . דריי זעגלען . . . דריי ליכט אין טומאַן . . .
דריי נינפֿעס . . . דריי נעמען . . . דריי קברים . . .

#

די פֿישער־אלמנה בייטאָג און ביינאַכט
זי האַרט און זי וואַרט, און זי נאַרט זיך . . .
איר פּנים איז גרוי, ווי דער ים, און איר קאָפּ
איז ווייס, ווי דער שוים — ניט דערוואַרט זיך!

דאָך זיצט זי און היט . . . ווי זי וואָלט זיך געפּאַרכט,
דער ים זאָל פֿון איר ניט אַנטרינען.
זי ווייס פֿון דער שנאה, וואָס ברענט אין איר האַרץ
דריי נעצן דריי פֿינצטערע שפּינען.

זי וועט זיי אַריבער די כוואַליעס פֿון ים
אויף אַלע פֿיר ברעגן פֿאַרשפּרייטן,
וועט פֿאַנגען די בלאָנדע מכשפֿות, די דריי,
זיך נוקם זיין . . . טייטן זיי, טייטן!

#

זי רוט ניט בייטאָג און זי שלאָפֿט ניט ביינאַכט,
זי שטריקט אַלץ און פֿלעכט אירע נעצן:
— זי וועט זיך אַ זעגל־שיף קויפֿן, באַדיי
ביים שד איר נשמה פֿאַרזעצן! . . .

די מאַרקווייבער טרייבן ליצנות מיט איר,
זיי טייטלען איר נאָך מיט די פֿינגער.
די קינדער פֿון גאַס וואַרפֿן שטיינער איר נאָך
און שטעקן אַרויס איר די צינגער.

זי זעט ניט, זי הערט ניט, זי טראַכט אַלץ און קלערט,
פֿון ים ווי צו נעמען נקמה:
— אַז גאָט האָט פֿאַרלאָזט מיך, וועל איך היינט ביינאַכט
פֿאַרקויפֿן צום שד מיין נשמה!

דער שד האָט אַ שאַרפֿן געהער און דערהערט.
ער קומט צו דער פֿישער־אלמנה.
זי דרייט איין דאָס לעמפּל . . . דער שד טוט אַ בלאָז —
אויס הימל, אויס שטערן, לבֿנה . . .

אַ וואונק מיט אַן אויג — און עס טוט זיך אַ שפּאַר
אַ כמאַרע פֿון אַלע פֿיר זייטן,
אַ פֿייף און אַ סווישטש — און דער שטורעם פֿליט אַן
אויף אַ בעזעם פֿון פֿייער צו רייטן.

אַ קוויטש און אַ מיוק — און דער גרויער טומאַן,
ווי אַ קאַץ טוט אַ שפּרונג אויף די כוואַליעס.
אַ קנאַק מיטן צונג — און דער דונער ברעכט אויס,
מיט הונגעריק־חיהשע יעלות.

אַ פּאַטש מיט די הענט — און פֿון אונטער דער ערד
טוט אַ זעץ אַרויס פּלוצים אַ שׂרפֿה — — — —
דאָס שטיבל ווערט נעלם . . . עס טאַנצט אינעם זשאַר
אויף קוליעס אַ גרויע מכשפֿה.

דער שד טוט אַ שפּרונג און אַ קנאַק מיטן צונג,
דער ים טוט אַ ברום און אַ רעווע,
פֿאַרדרייט אין אַ בליץ אויף אַ וואַסער־באַרג שפּיץ —
אַ זעגל, אַ מאַסט און אַ מעווע.

עס צאַפּלט דער זעגלביים ווינט אין די נעגל,
די כוואַליעס די פֿינצטערע ברומען — — —
געפֿונען דעם אינדזל, די סאַרנעס די דריי,
נאָר אַליין שוין צוריק ניט געקומען.

#

אין נעכט בעת דער ים ליגט באַרוט, און עס שלאָפֿט
ביי אים אויפֿן האַרץ די לבנה,
באַווייזט זיך העט ווייט אויפֿן ים, אין דער נאַכט,
אַ זעאונג — ד י פֿ י ש ע ר א ל מ נ ה !

די פֿישערלייט באָרוועסע שטיין אויפֿן ברעג,
די בערד און די האָר ווילד צעשויבערט,
די האַריקע ברוסטן פֿון ים־שוים פֿאַרשנייט,
מיט אָפֿענע מיילער — פֿאַרצויבערט.

עס הוידעט דער ים זיך און קאָרטשעט זיך מיד,
די כוואַליעס זיך באַלעווען, שטיפֿן.
עס דאַכט זיך, די שטערן — זיי שווימען אַרויף,
אַרויס פֿון דעם אָפּגרונט דעם טיפֿן.

עס וויגט אין דער ווייט זיך אַ זעגל אין ווינט
און ווייסלט זיך צווישן די וועלן.
עס בלישטשעט דער מאַסטלאָמפּ אַרויף און אַראָפּ,
צעשטראַלט זיך, באַהאַלט זיך, ווערט נעלם.

רופֿט אָפּ זיך אַ גרייז־גרויער פֿישער און זאָגט:
פֿאַרקינדיקן קומט זי דעם שטורעם . . .
— ווי טיף איז דער ים! — טוט אַ צווייטער אַ זיפֿץ.
— איז טיף, ווי דעם מענטשנס יסורים!

שעפּסן

שעפּסן קריכן פֿון דעם קוימען
אויף מיין טאַטנס דאַך.
רונדע שוואַרץ־געקרויזטע שעפּסן.
אַ טשיקאַווע זאַך!

ס׳איז געשען אַ נס מיין טאַטן,
אים באַשערט אַזוי!
דאָס איז ווייל ער הייצט דעם אויוון
רק מיט נאַסע שטרוי.

אונדזער בלאָנדער שכן פּיטערט
זיינע שאָף אַליין
אויף זיין אייגן פֿעלד. און שעפּסן —
מאָגער — הויט און ביין.

נאָר אַזוי איז שוין מיין טאַטע.
האָט ער שוין אַמאָל
שעפּסן, גיבן זיי קיין מילך ניט,
גיבן ניט קיין וואָל.

און אין דרויסן גייט אַ רעגן,
און פֿון סטעליע רינט,
און פֿון דאַך דעם טאַטנס שעפּסן
טראָגט אַוועק דער ווינט.

אָט אַזוי איז שוין מיין טאַטע.
אַלץ, וואָס ער פֿאַרמאָגט,
האָט אַמאָל נאָך אין כנען
גאָט אים צוגעזאָגט . . .

זיצט ער יום ולילה, לערנט:
אוי, ויהי . . . אַמאָל . . .
טוט אַ טאָפּ דעם טלית־קטן:
אָטאָ דאָס איז וואָל!

אָט אַזוי איז שוין מיין טאַטע.
וואָלקנס אין דער הויך.
דרויסן רעגנט, און פֿון קוימען —
שוואַרצע שעפּסן — רויך.

אַ מענטש — אַ מרה־שחורהניק דערציילט

נאַכט.
דער עפּלבוים, וואָס פֿאַר מיין שוועל,
האָט אין די לעצטע טעג זיך ערשט צעבליט.
אַ שוואַלב האָט זיך אין אים אַ נעסט געמאַכט
און בלויע שוועלבעלעך דאָרט אויסגעבריט.

אין טיפֿן שאָטנדיקן גראָז ניט ווייט פֿון בוים —
אַ שוועבל־גרינע קויל, אַ רונדע, גליט,
ברענט קאַלט און שאַרף, ווי חלף־שטאָל.
אַ בלינדער אומרו, ווי אַ פֿלעדערמויז,
זיך צאַפּלט אויף מיין האַרץ.
דעם שכנס קאַץ! . . . אַ בלינדע אויף אַן אויג.
ווי ס׳בלינדע אויג אירס, איז זי שוואַרץ!
ש—וו—אַ—ר—ץ!

מיין מיידעלע שפּילט אויסגעצייכנט באַך.
זי שפּילט . . . איך הער זיך איין.
נאָר פּלוצים — פֿאַלש! . . . אַ לינגערשער אַקאָרד!
די שוועבל־גרינע קויל אין גראָז שיסט אויס, ווי אַ ראַקעט,
די ווייסקייט פֿון דעם בוים דערלאַנגט אַ ציטער — מ אָ ר ד!

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג ניט צוגעטאָן.
צום אָטעמען פֿון ווייסן בוים זיך צוגעהערט,
ביים מינדסטן שאָרך האָט זיך מיר אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ — — —
דעם שכנס קאַץ, דאָס זעעוודיקע אויג אירס צוגעמאַכט,
אַן אויסגעשטרעקטע דרעמלט אויף מיין פֿענצטער־גזימס
און ווי דאָס בלינדע אויג אירס, שוואַרץ, ש־וו־אַ־ר־ץ!

זינט יענער נאַכט באַפֿאַלט מיך אָפּט אַ מאָדנע משוגעת:
באַגעגן איך אַ בלינדן אויף אַן אויג אין גאַס,
דערלאַנגט אין אויער מיר אַ קלאַפּ דער פֿאַלשער באַך אַקאָרד,
עס בליצט פֿאַרביי מיין אויג דער שוועבלשער ראַקעט,
אין בלוט ביי מיר פֿלאַמט אויף אַ דורשט צו מאָרד!

כ׳האָב אָנגעהויבן זיך צו שרעקן פֿאַר מיין שאָטן אויפֿן וואַנט.
איך טרוי זיך ניט מיט זיך אַליין צו שלאָפֿן אין איין בעט:
עס קען מיט מיר אַן אומגליק חס ושלום ווען עס איז געשען.
עס קען . . . עס וועט! עס וועט!

פארגעסענע

פֿאַרגעסענע

אַ ליד וועגן אַ גריל
אַ לאָמפּ אין פֿענצטער ברענט
אַ מעת־לעת
אין די טרויער־טעג פֿון שבעה
דער זיגער
דער סך־הכּל
דער בעל־תשובה
דער מענטש, וואָס רעדט צו זיך אַליין
דער גאַסט
דער פּוסטער „האָומסטעד" אויפֿן באַרג
דער שטומער עדות
דאָס הויז פֿון גאָט
דאָס פֿאַרשעמטע בגד
גשם
דאָס ליד פֿון דעם קאָמאַר
מיין האָן, מיין גאָלדענער
דאָס הויז ביים סוף פֿון קרומען שליאַך
דאָס ליד פֿון פֿרום־גלויביקן
דער שפּיגל
וואוהין ס'איז מיר באַשערט
עפּיטאַף

אַ ליד וועגן אַ גריל

דאָס פֿענצטער מײַנס איז ווײַס פֿון שטערן.
דער גאָרטן שלאָפֿט, און איך בין מיד.
וואו האָט די קלײנע גריל גענומען
אַזױפֿיל אומעט פֿאַר איר ליד?!

דער דרימל מאָנט, נאָר כ׳קען ניט שלאָפֿן.
איך שליס די אויגן און איך טראַכט:
וואָס וואָלט געטאָן די גריל אין גאָרטן,
ווען ניט די אומעטיקע נאַכט?

פֿאַראַן אַ האַרבסט און נעכט אָן שטערן —
וואו קומט די זומנע גריל אַהין?
מיר דאַכט, כ׳האָב אויפֿגעכאַפּט אַ רעיון . . .
אין רעיון גלימערט אויף אַ זין . . .

— די גריל און איך, מיר זײַנען שותּפֿים,
ווי ס׳איז דער אומעט מיט דער נאַכט.
איך האָב איר טרויער אויפֿגענומען,
און אָט דאָס קלײנע ליד פֿאַרטראַכט:

— בײַ מיר אין גאָרטן שטייט אַ קוזניע.
אין קוזניע שטייט אַ גריל און שמידט.
איך ווײס: פֿאַרטאָג וועל איך געפֿינען
אין ליכט פֿון קאַרשנבוים אַ ליד — — —

אַ לאָמפּ אין פֿענצטער ברענט

אַפּנים, אַז ער האָט פֿאַרגעסן צו פֿאַרלעשן פֿאַרן שלאָף דעם לאָמפּ,
וואָס האָט ביי אים אין פֿענצטער ביז אין ווייסן טאָג אַריין געברענט.
און אפֿשר האָט ער ניט געהאַט קיין כּוח, צי אפֿשר זיך געפֿוילט
פֿון האַרץ אַרונטערנעמען זיינע מידע שווערע הענט?
און אַז ס׳האָט אָנגעהויבן צו שאַריען אויפֿן מזרח, און דער לאָמפּ,
דאָס פּנים זיינס, דאָס קישן און דער בלייכער אינדערפֿרי
זיך האָבן אין אַ ווייסער בלענדעניש צונויפֿגעבלענדט —
האָב איך, וואָס גיי איעדן אינדערפֿרי זיין הויז פֿאַרביי,
אפֿילו ניט באַמערקט גאָר, אַז דער לאָמפּ ביי אים אין פֿענצטער ברענט.
איך וואָלט עד היום ניט געוואוסט . . . ווען ניט די שוואַרצע קאַץ,
וואָס איז געלעגן אויף זיין פֿענצטער און געדרימלט אומגעשטערט.
איר שוואַרצקייט האָט זיך איינגעשניטן מיר אין אויג.
און איך האָב זיך דערמאָנט . . . און זי דערקענט.
און מחמת דעם באַמערקט שוין, אַז דער לאָמפּ אין פֿענצטער ברענט.

אַ מעת לעת

ער האָט דעם זייגער אָנגעצויגן,
הינטערן קאָפּ דאָס קישן צורעכט געמאַכט:
— ס׳איז צוועלף אַזייגער צו דער רגע
פונקט צוועלף אַזייגער. האַלבע נאַכט.

פֿאַרטאָגלעך, אַז זי האָט די ערשטע
אין הויז פֿון שלאָף זיך אויפֿגעכאַפּט,
איז שטיל געווען . . . זיין האַרץ . . . זיין אָטעם . . .
און נאָר דער זייגער האָט געקלאַפּט.

זי האָט מיט טרערן אין די אויגן
זיך איינגעקוקט אין ציפֿערבלאַט:
— וואָס איז דער תּמצית פֿון דעם לעבן?
וואו ליגט דער זין? . . . ווער וייסט דעם פּשט? . . .

און נאָך אַ סוד . . . אַ סוד אַ נייער.
עס ווילט זיך וויסן איר אַליין:
— ווען האָט ער אָנגעדרייט דעם זייגער?
ווען איז זיין האַרץ געבליבן שטיין?

אויפֿן ציפֿערבלאַט איר לעבן פֿלאַטערט.
צווישן ביידע ווייזערס הענגט איר וועלט.
ס׳איז האַלבע נאַכט . . . פונקט צוועלף אַזייגער . . .
דער זייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אין די טרויער טעג פֿון שבעה

— — — — — — — — — — — — — — — און איצט,

אַז איר האָט אויסגעדרייט דעם שפּיגל מיטן פּנים צו דער וואַנט,
צינדט אָן צוויי ליכט אין לייכטער, פּשוטע, פֿון ליים.
אַ ליכט פֿאַר יענעם, וואָס האָט נעכטן ערשט פֿאַרלאָזן אונדזער הויז,
אַ ליכט פֿאַר דעם, וואָס איז געבליבן אין דער היים.

איך הער, ווי איר דערמאָנט דעם נאָמען און דערמאָנט אים אָפּט.
איך ענטפֿער ניט. איך שווייג . . . דאָס האַרץ טוט וויי:
זיין שאָטן האָט זיך נאָך כמעט ניט אויסגעמעקט פֿון אונדזער שוועל,
און שוין האָט איר פֿאַרגעסן, אַז מיר זיינען צוויי.

דאָך די שבתים און יום־טובים זיך פֿאַרשטערן טאָרט איר ניט.
פֿאַרקערט, איר זאָלט זיי ערלעך האַלטן, ניט פֿאַרשעמען זיי.
איך קען אייך ערב זיין, אַז ער, וואָס איז פֿאַרבליבן אין דער היים,
וועט מיט אייך זיך משמח זיין און פֿרייען זיך פֿאַר — צוויי.

אָט גיס איך אָן דעם ערשטן כוס פֿון ווין און טרינק לכבוד אים,
וואָס דרעמלט אין דעם קילן שאָטן פֿון זיין ווערבע־בוים.
און טאָקע באַלד אַ צווייטן כוס אַ פֿולן ביז צום ראַנד לכבוד דעם,
וואָס איז דער איינזאַמסטער געבליבן אין דער היים.

כ׳קלייב אויס דעם רויטסטן עפּל און צעשנייד אים אויף דער העלפֿט.
דאָס האַרץ פֿון עפּל שמעקט מיט וואַלד . . . איז וויס, ווי שניי . . .
אַ רמז, אַז ביי יעדערן באַזונדער איז דאָס האַרץ צעוויייטיקט, קראַנק . . .
נאָר מיינס איז אויף דער העלפֿט צעשניטן און איז — צוויי.

און נאָך דער סעודה שפּעט ביינאַכט, ווען איר פֿאַרלעשט די ליכט,
וועל איך, דער איינזאַמסטער אין הויז, פֿאַרלעשן זיך מיט זיי . . .
באַהעפֿטן זיך אינאיינעם מיט די שאָטנס פֿון די נאַקעטע פֿיר ווענט
און זיין די מרה־שחורה פֿאַר דעם הויזגעזינט — פֿאַר צוויי.

און וועט איר חס ושלום טרויערן אַ טרויער דאָ אין הויז,
וועל איך אַ גלייכער שותף ווערן אויך צו אייער וויי:

זיך אָנטאָן אין מיין שווערסטן שאָטן, זיך באַשלייערן דעם קאָפּ מיט אַש
און זיצן צווישן אייך דער איינזאַמסטער און טרויערן פּאַר — צוויי.

פאַרלאָזן אָבער אייער הויז, מיין היים, וועל איך שוין קיינמאָל ניט!
ווייל איך האָב ליב מיין טיש, מיין לאָמפּ, מיין שרייב־פּאַפּיר,
מיין בעט, אין וועלכן איך פּלעג חלומות נאַכט נאָך נאַכט;
כ׳האָב ליב מיין האַר, דעם באַלעבאָס . . . און — ס׳ביישטידל פון טיר . . .

דער זיגער

ער האָט די שלאַכט געוואונען.
איצט ליגט ער און ער רוט.
נישט נאָר די ביינער רוען,
נאָר אויך דאָס בייזע בלוט.

די גאַנצע וועלט דעראָבערט
אָן פּייער און אָן שווערד.
די גאַנצע ערד איז זיינע,
און ער אַליין איז ערד.

פֿאַרווישט איז ברעג און גרענעץ,
צעשטערט איז צוים און צאַם,
דען ער איז אַלץ אינאיינעם:
איז הימל, ערד און ים.

ער הערט די ימען רוישן,
בשעת דער שטורעם שאַלט;
ער פּילט דורכן גראָז די שטערן,
בשעת דער רעגן פֿאַלט.

און דורכן בלינדן וואָרעם
רעדט גאָט צו אים . . . ער הערט:
אומענדלעך, ווי דער הימל,
און אייביק, ווי די ערד!

ד ע ר ס ך ־ ה כ ל

ער טראָגט אַ שנאה צו דעם לעבן.
ער האָט פֿאַרקריגט זיך מיט דער וועלט.
האָט ער פֿאַר כעס דעם לוח צעריסן,
דעם אַלטן זייגער אָפּגעשטעלט.

— אַ סוף! . . . געננג געפֿירט חשבונות:
ס'איז טאָג, ס'איז נאַכט, ס'איז פֿרי, ס'איז שפּעט!
דער אַלטער תרח! . . . אַלצדינג ווייסט ער!
אַ גאַנצער נביא — שטראָפֿט און רעדט!

„אַ ש ע ה ב אַ ש ט י י ט פֿ ו ן ז ע כ צ י ק ר ג ע ס .
אַ מ ע ת ־ ל ע ת א י ז פֿ י ר א ו ן צ ו ו א נ צ י ק ש ע ה ;
אַ מ ע נ ט ש ל ע ך ל ע ב ן ? — ד ע ר ס ך ־ ה כ ל ?
אָ ט ד ע ר ס ך ־ ה כ ל א י ז נ י ש ט אָ !

דעם וועג צום לעבן — אָפּגעלייקנט.
די בריקן צו דער וועלט — פֿאַרברענט.
אַליין פֿאַרמשפּט זיך צו תּפֿיסה.
זיין תּפֿיסה — אייגענע פֿיר ווענט.

דער זייגער שטומט. דער קליינער נאַכט־לאָמפּ
ביז העכער האַלב אַריינגעדרייט.
ער דרעמלט איין . . . נאָר עפּעס הערט ער:
אים דאַכט זיך, אַז דער זייגער גייט.

ער שטרענגט זיך אָן . . . ד ע ם ש כ נ ס ז י י ג ע ר !
ער הערט אים טיקען דורך דער וואַנט:
פֿאַראַן אַ חשבון . . . אַ סך־הכל . . .
ליגט אויבן־אויף ווי אויף דער האַנט!

„אַ שעה באַשטייט פֿון זעכציק רגעס.
אַ מעת־לעת איז פֿיר און צוואַנציק שעה.
אַ מענטשלעך לעבן? — דער סך־הכל?
כּל זמן דו לעבסט, איז ער נישטאָ!

ער הערט זיך איין צום טעמפּן טיקען
און ס׳נעמט אים דורך אַ פּריקרע קעלט.
דער קליינער נאַכט־לאָמפּ צאַנקט, פֿאַרלעשט זיך.
דאָס מידע האַרץ — זיך אָפּגעשטעלט.

דער בעל־תשובה

דער אָוונט לאָזט אַ מידער זיך אַרונטער אויף דער מידער שטאָט.
דער מאַרק הויבט אָן זיך אָפּצוקילן נאָך דעם קאָכיקן יאַריד.
דער ווינט פּאַרווישט אין שטויב דעם מענטשנס לעצטן טראָט,
לעשט אויס דעם לעצטן מאַרק־געשריי, דעם בעטלערס טרויער־ליד.
נאָר, ווי אַ זכר נאָכן טאָג־יאַריד, שטעלט אָפּ זיך אויפֿן מאַרק
דער הויקערדיקער בעטלער־גרייז — אַ שאָטן אויף דער קלויסטער־וואַנט.
זיין באָרד, די קלאָטשעוואַטע, אָנגעלאָדן מיט פּאַריבל, שנאה, כעס,
ער ציילט די עטלעכע פּאַרזשאַווערטע מטבעות אויף זיין ברודנער האַנט:
— אַ גאַנצן טאָג געצויגן פֿאַרן מאַרק־המון זיין נאָגנדיק געזאַנג.
דערביי איז דאָס זיין לעצטער מאַרק־טאָג נאָך אַ רעגנדיקער וואָך.
סך־הכל זיבן גרין־פֿאַרשימלטע מטבעות אויף זיין ציטערנדיקער האַנט,
און פֿון די זיבן איינע, אָפּגעריבן און דערצו נאָך מיט אַ לאָך.

די הייזער אַלטע דרעמלענדיקע באַביצעס אַרום אַ פּוסטן מאַרק.
די קלויסטער־וואַנט — אַ כמאַרע אויפֿן האַרב פֿון בעטלער־גרייז.
ער וואַרפֿט אַן אויסגעקרומטן בליק צום הימל: — קויטיק, ווי מיין העמד!
אַ געלע לאַטע — די לבנה. און די שטערן — קריכעדיקע גרינע לייז! —
ער טוט אַ שליידער צו דער ערד מיט חרמות און מיט ווילדן כעס
די עטלעכע פּאַרזשאַווערטע מטבעות, וועלכע פריען זיך ביי אים אין האַנט,
טוט ניכפּהדיק אַ דריי דעם קאָפּ, און טוט אַ כראָקע אויפֿן הימל בייז,
און גראָבט נאָך טיפֿער זיך אַריין אין שאָטן פֿון דער קלויסטער־וואַנט:
— אַ גאַנצן טאָג געריסן זיך די גאַל . . . הכנעהדיק געקלאָגט זיין ליד
און הינטיש נאָכגעיוכעט אין דעם שטויב נאָך יעדן האַוונדיקן טראָט,
איז גרייט געווען צו קושן יעדנס האַנט ביים מינדעסטן פֿאַרדאַכט . . .
— די פֿייערן פֿון סדום ועמורה זאָלן פֿאַלן אויף דער ניבזהדיקער שטאָט
און אַלע קללות פֿון דער תוכחה! — דאָס האַרץ בלייבט אָבער פֿאַרט
פֿאַרשלאָסן אין דער פֿינצטערניש . . . פֿאַרביטערט, איינזאַם און אַליין,
ביז גאָט דערבאַרעמט זיך אויף אים, אַנטפּלעקט פֿאַר אים זיך אין אַ טרער:
דער ברענענדיקער סנה, דאָס אייביק ניט־פֿאַרלאָשן מענטש־געוויין.

און וויינען האָט געוויינט דער בעטלער ביז אין ווייסן טאָג אַריין.
און אַז די זון איז אויפֿגעגאַנגען און גענומען צינדן שויב נאָך שויב,
האָט ער געזען ווי אויף די דעכער קרייזלען זיך די ערשטע סטרוזשקעס רויך;
ווי ווייסע טויבן קלייבן האָבער־קערנדלעך אין מאַרק פֿון שטויב;
אַרום אַ שטענגל בעז, וואָס קלעטערט צו אַ פֿענצטער, פֿאָדעט אום אַ בין,
און אויף אַ פֿור, וואָס נעכטיקט איבער פֿאַרן שענק אין פֿייכטן שכרות,
אַ צויג, אַ קימפּעטאָרן, שפּייזט זיך אירע הינטעלעך אין שלאָף . . .
און הינטער אַ פֿאַרוויינטער סטריכע שלינגען בלויע שוועלבעלעך דעם טוי,
וואָס טריפֿט אַרונטער פֿונם דאַך . . . אין זאַמד־שטויב פֿאַרפּלט זיך אַן עוף,
וואָס האָט די ערשטע זיך אַרויסגעגנבֿעט פֿון דעם פֿינצטערן קאַטוך.
דער מאָרגן גרויט . . . און פֿון דער ערד גייט אויף אַ וואַרעמער גערוך.

דער בעטלער הויבט צום הימל אויף די הענט און זאָגט: — אָ, גאָט, מיין האַר!
איך ווייס: געציילטע זיינען מיינע טעג, מיין וועג שליסט אָפּ זיך באַלד.
איך בעט דיך, נעם צעברעך מיין גוף, ווי מען צעברעכט אַן אַלטן טאָפּ,
און פֿלאַנץ מיך איבער אין אַ גראָז, אַ זאַנג, אַ שוואָם, אַ בוים אין וואַלד,
וואָרעם, גאָט, מיין האַר, איך האָב אין סנה, דאָס דאָרנדיקע סם־געוויין,
צום ערשטן מאָל דאָס פּנים דיינס געזען און אָקאָרשט דיך דערקענט . . .
און זיך דערוואוסט, אַז אַלץ איז זיס, וואָס קומט פֿון דיינע קלוגע הענט . . .

דער צער פֿון וועלט, דער עול פֿון מענטש, איז איינגעשניטן מיר אין לייב,
נאָר היינט, ערשט איצט, איז מיר דאָס לעבן מיינס געוואָרן טאָפּלט־שווער,
דערפֿאַר, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט, אַז וואָס דער מענטש פֿאַרמאָגט
איז שפּל, נישטיק, מחמת ער אַליין איז אָרעם און פֿאַרמאָגט נישט מער!
און וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָט אויפֿן דאַך דער פֿונק דאָרט הויך,
וואָס דער ווינט רייסט אָפּ שוין פֿון אַ גאַנצן קוימען רויך?
צי קען, אָ, גאָט, מיין האַר, די מילב דען ברומען, ווי דער מדבר־לייב?
דער בלינדער וואָרעם, וואָס אין שטויב זיך, ווי דער אָדלער טאָן אַ הייב?
צי קען דער שטיין אין מדבר אָן דיין רצון ווערן צו אַ שפּרודלדיקן קוואַל?
דער שטילער טראָפּן־רעגן זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ ברויזנדיקן וואַסערפֿאַל?
און — קען דער מענטש, אַליין דער הארבעריק פֿון ספֿקות, פּחד, זאָרג,
דיר ס׳האַרץ דערפֿרייען מיט זיין גאָב, אַז ער אַליין סך־הכל לעבט אויף באָרג . . .
אַ שווערער חוב אויף זיינע פּלייצעס איז אים יעדער טאָג און יעדע שעה,
וואָרעם יעדער היינט איז זיינער נאָר ביז אָונט . . . ביזן שלאָף . . .
און ווער, חוץ דו, קען אים דאָס ערב זיין, אַז ער איז מאָרגן שוין נישטאָ?!

אָ, גאָט, מיין האַר, די זון גייט אויף, און איך בין שלעפֿעריק און מיד.
נאָר אויב ס׳איז מיר באַשערט נאָך זיין דאָ מאָרגן אויפֿן מאַרק, וועל איך
אויס דיינע וואונדערלעכע רייד, וואָס דו האָסט מיר אין מויל אַריינגעלייגט,
און פֿון די ציטערנישן דיינע אין מיין האַרץ, פֿאַרפֿאַסן דיר אַ ליד,
וואָס וועט זיך אָנהויבן אַזוי: — אָ, גאָט, אל חנון, ס׳איז דיין וועלט —
אַ מאַרק, און מיר, די קינדער דיינע, בעטלער אויף אַ נאַרישן יאַריד — — —

דער מענטש, וואָס רעדט צו זיך אַליין

דער מענטש, וואָס רעדט צו זיך אַליין,
מיידט אויס די ברייטען גאַסן;
דאָס שרייען פֿון געדיכטע טריט
דורך טויזנטער אָפּצאַסן;

די גאוהדיקע מויערן;
די הויכע שפּיגל־פֿענצטער.
ער זעט אין זיי זיך, ווי ער איז,
דער נישטיקסטער, דער קלענצטער . . .

פֿאַר אים — די שמאָלע הינטערגאַס,
די הייזער — קליין און אָרעם,
דאָס טוכלע שענקהויז, דער לאָמבאַרד —
בראָדיאַגעס און שיכורים.

דאָ רעדט דאָס האַרץ זיינס פֿראַנק און פֿריי,
נישטאָ ווער ס׳זאָל אים שטערן.
און טאָמער רעדט ער שטותעריי,
איז ווער וועט אים פֿאַרווערן?

דאָ רעדט זיין האַרץ פֿון וואָס עס בענקט . . .
פֿון אויסגעטראַכטע זאַכן,
חלומות, לאַנג־פֿאַרלאָשענע —
און קיינער וועט ניט לאַכן.

דאָ שעמט זיך קיינער ניט פֿאַר גאָט
מיט זיינע זינד און זאָרגן:
— פֿאַרזעץ אין ברודנעם שענק דיין הײנט
און אין לאָמבאַרד — דיין מאָרגן.

אַ בוך, אַ ביקס, אַ מאַנדאָלין,
אַ פעלץ, אַ שנירל פערל,
אַ לאָמפּ, אַ שפּיגל, אַ ראָלעט,
אַ גאָלדן רעוואָלווערל . . .

אַ האַק, אַ פראַק, אַ חופּה־רינג,
אַ זאָטל און אַ פידל,
אַ זעג, אַ זייגער, אַ סטילעט,
אַ קישן און אַ רידל . . .

דער מענטש, וואָס רעדט צו זיך אַליין,
באַקוקט די אַלע חפצים:
אַ וועלט פון חלום . . . נאַרעריי . . .
אַ וועלט פון טפשים, לצים!

ער רעדט . . . ער טענהט אויף אַ קול —
און ווער וועט אים פאַרווערן?
און ס'וועט אַזוי די זון פאַרגיין,
און קיינער וועט אים שטערן . . .

פאַרשלאָסן פון לאָמבאַרד די טיר,
אַראָפּגערוקט די שטאָרן.
דער מענטש, וואָס רעדט צו זיך אַליין,
נישטאָ אים . . . נישט געוואָרן!

אַן אַנדער מענטש וועט מאָרגן דאָ
ביים שויב מיט חפצים שטייען
און קוקן, פּלאַפּלען . . . ביז די זון
וועט נאָכאַמאָל פאַרגייען . . .

דער גאַסט

אַז ער איז נאָר אַ גאַסט,
ווייס גאָט און נאָענטע שכנים.
זייט גוט צו אים, כל זמן
ער וואוינט מיט אייך אינאיינעם.

ווי לאַנג ער וועט מיט אייך
דאָס שמאָלע געסל טיילן,
דאָס ווייס נאָר גאָט אַליין —
און ער וועט ניט דערציילן . . .

דערימעך זאָגט ניט אָפּ,
בעת ער קומט וואָס באָרגן,
און אַז די זון גייט אויף,
ניט קאַרגט אים דעם „גוט־מאָרגן!״

און טרעפֿט איר אים אין גאַס,
ווען די זון נעמט אונטערגייען,
זאָגט שטיל: „גוט אָוונט דיר!״ —
דאָס וועט זיין האַרץ דערפֿרייען.

וואָס האָט ער אויסער אייך? —
אַן אַלטע קאַץ . . . אַ זייגער,
אַ לאָמפּ ,וואָס קלימפּערט קוים
און רויכערט — ווי דער שטייגער.

און — אַז איר גייט פֿאַרביי
זיין שטוב — ניט האָט קיין מורא!
לייגט צו דעם אויער שטיל
צום טיר און — ווערט געוואוירע! .

דערהערט איר הינטערן שוועל
די קאַץ די אַלטע קלאָגן,
דער זייגער אויף דער וואַנט
האָט אויפֿגעהערט צו שלאָגן —

איז גייט אַרויס אין מאַרק
און זייט דער גאַס מודיע . .
ווער ס'טראָגט אַ בגד, וואָס
צעפֿאַלט, וועט רייסן קריעה.

און ווער ס'האָט מייז און קען
פֿון זיי ניט פּטור ווערן,
וועט ירשענען זיין קאַץ
און וועט זי „אים" דערנערן . . .

און אויפֿן זייגער? — עט!
ניט זיין קיין סך בעלנים! —
דער געלער ציפֿערבלאַט
דערמאָנט דעם שכנס פּנים;

די קרומע ווייזערס — ציין,
וואָס גריזשען און וואָס פֿרעסן
דאָס קראַנקע האַרץ, דעם מוח
און לאָזן ניט פֿאַרגעסן! . . .

דער פוסטער „האָומסטעד" אויפֿן באַרג

— אַ מעשהלע מיט אַ מאָראַל —

דער „האָומסטעד" חורבעט אויפֿן באַרג.
האַלב נאַכט. די טיר שטייט אָפֿן:
— ווער ס׳האָט ניט וואו צו נעכטיקן,
דער קען דאָ איבערשלאָפֿן.

דער „מכניס אורח" איז נישטאָ.
געלאָזן לזכרון
אויפֿן טיש אַ ניט־דערברענטע ליכט.
געוועזן און — ניט געוואָרן . . .

— די זריעה גייט ביי אים נישט אויף,
די תבואה — ניט געראָטן.
וואָס מאָגערער אים ווערט זיין אָקס,
אַלץ גרעסער ווערט זיין שאָטן.

געאַקערט און געזייט אין צייט,
נאָר דרעשן — ניט געדראָשן . . .
האָט לענגער וואַרטן ניט געוואָלט
און ס׳ליכט ביינאַכט פֿאַרלאָשן,

געטאָן אַן עפֿן־אויף די טיר
און איז אַוועקגעשוואומען,
ווי אַ זעגל אין אַ ים־טומאַן . . .
צוריק שוין ניט געקומען.

דערציילט אַ בעטלער: — כ׳האָב געוואָלט
אַ נאַכט דאָרט איבערשלאָפֿן,
און בין ניט טויט ניט לעבעדיק
פֿון דאָרטן קוים אַנטלאָפֿן.

אינמיטן נאַכט האָט פּלוצים זיך
דאָס ליכטל אָנגעצונדן,
אַ שאָטן איז אַריין, אַרויס
און, ווי אַ רויך, פאַרשוואונדן.

די בעטלער הערן אים מיט חשד,
און יעדערער פאַרדעכטיקט,
אַז דער, וואָס שרעקט זיי, האָט אַליין
דאָרט לעצטע נאַכט גענעכטיקט.

די מעשה מיט דעם ליכט ביינאַכט,
דעם שאָטנס נעלם ווערן,
איז נאָר כדי מען זאָל ביינאַכט
דעם שלאָף אים דאָרט ניט שטערן . . .

דער שקרן טראַכט די מעשות אויס.
ער וויל מיט שרעק פאַרטרייבן
פון דאָרט די בעטלער און אַליין
דער באַלעבאָס דאָרט בלייבן . . .

— כ׳וועל היינט ביינאַכט דאָרט נעכטיקן
להכעיס דעם מצורע !! —
טוט איינער זיך אַ נדר און
ס׳באַפאַלט אים שוין אַ מורא . . .

און איידער נאָך ער קומט צום טיר, —
האָט קוים די שוועל באַטראָטן,
וואַקסט הינטער זיינע פּלייצעס אויס
דעם „בעל־אכסניאס" שאָטן . . .

דאָס ליכט פלאַמט אויף . . . דאָס ליכט גייט אויס,
צינדט אָן זיך . . . ווערט פאַרלאָשן, —
ער גלאָצט די אויגן אויס . . . מאַכט אויף
דאָס מויל און בלייבט אָן לשון.

#

אויף מאָרגן טרעפֿט ער ביים יאַריד
די וויסטע בעטלער־סטאַדע,
ער לאָזט אַראָפּ די אויגן און
איז זיך פֿאַר זיי מתוודה:

אומזיסט האָב איך פֿאַרדעכטיקט אייך,
געטראַכט פֿון אייך צום שלעכטן —
היינט בין איך ווינציק זינדיקער;
און גלויביקער, ווי נעכטן . . .

דער שטומער עדות

דאָס הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן באַרג,
האָט שפּעט נאָך האַלבער נאַכט אַ פֿלאַם געטאָן און אָפּגעברענט.
אַליין דער קוימען סטאַרטשעט הונגעריק אַרויס
פֿון צווישן שוואַרץ־פֿאַרקוילטן דרויב,
וואָס איז געבליבן אַלס אַ זכר פֿון די אָפּגעברענטע ווענט.

ווער ס׳גייט פֿאַרביי, הויבט אויף דעם קאָפּ,
באַטראַכט דעם שוואַרצן קוימען, דעם באַלוואַן,
פֿון אויבן ביז אַראָפּ
און פֿרעגט:
— ווער האָט געוואוינט אין הויז?
— ווער האָט דאָס הויז געבויט?
— ווי לאַנג שוין שטייט עס אויפֿן באַרג?
— אַ דור? . . . אַ יאָר? . . . חדשים בלויז?
— ס׳האָט קיינער קיינמאָל ניט געוואוינט אין הויז!
— „נישט־גוטע״ האָבן דאָ געוואוינט . . . געשטאַנען פּוסט . . .
סך־הכל נאָך די אַלע טרעפֿענישן ווייזט זיך קלאָר אַרויס,
ווען ניט די שׂרפֿה, וואָלטן מיר עד היום ניט געוואוסט,
אַז אויפֿן באַרג, דאָרט אויבן, איז געשטאַנען ווען אַ הויז.

אַחוץ דעם שוואַרצן קוימען איז דאָ קיינער ניט פֿאַראַן,
וואָס זאָל דערציילן וועגן אָפּגעברענטן הויז
און וועגן די, וואָס האָבן אויפֿן באַרג געוואוינט.
דער שוואַרצער הונגעריקער קוימען בלויז
דערציילן וואָלט געקענט. נאָר ער נעמט אָן
אַ פֿולן מויל מיט ווינט און שווייגט.
ער איז מיט זיך אַליין פֿאַרטאָן.
— אַזויפֿיל רויך צעפּטרט האָט דער ווינט, דער הפֿקרניק!
דער תמרות עשן וואָלט דאָך פֿאַר אַ גאַנצער שטאָט מיט קוימענעס געקלעקט!

אָט שטייט ער נאַקעט, הויל, אינגאַנצן אויסגעטאָן פֿון דאַך און ווענט,
און קוקט אַרונטער דורכן דינעם הייטל נעפּל אויף דער דרעמלענדיקער שטאָט.
אַריבער פֿייכטע דעכער קויקלט זיך דער רויך דער בלויער קנויל נאָך קנויל,
און ער, אַ הונגעריקער, שטייט און שלינגט דעם ווינט . . .
פֿון זינט דאָס הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן באַרג, האָט אָפּגעברענט,
האָט ער נאָך ניט געהאַט קיין ביסן רויך אין מויל.

דאָס הויז פֿון גאָט

אַ פּוסט פֿאַרוואָרלאָזט הויז.
די שויבן אויסגעפּיקט פֿון ווינט.
די ווענט, צעפּאָקט פֿון רעגן — ברודיק, געל.
אַ בלינדער בעטלער זיצט אַ מידער אויף דער שוועל
און וואַרעמט זיך ביים פֿייער פֿון דער אונטערגייענדיקער זון.
די טאָרבע אויפֿן קאַרק, אָן לאַנגן שטעקן אָנגעשפּאַרט,
ווי אַ קרומער צדיק אויף אַ לאַנגער נון.

דאָ איז זיין היים.
דאָס פּוסטע הויז איז הפקר, ווי דער תליה־בוים,
נאָך דעם, ווי ס'ווערט דעם זינדיקן געטאָן זיין „רעכט״.
דאָ פֿילט ער איבערן קאָפּ אַ דאַך,
וואָס איז נישטאָ.
דאָ הערט ער, ווי עס וויינט דער ברוינער סכך
פֿון סטריכע אין די רעגנדיקע אָסיען־נעכט,
וואָס זיינען פֿיל, שוין צופֿיל דאָ . . .
דאָ הערט ער, ווי עס קרעכצן מיד פֿון שלאָף די קראַנקע ווענט
און ווי עס שרייט צו גאָט דאָס אייגענע פֿאַרשעמטע בלוט
ביי אים אין זיינע מיאוס־בעטלערישע הענט.

(גאָט זעט, גאָט הערט און גאָט פֿאַרנעמט
דעם צער פֿון מענטשן, ווען מענטש מענטש פֿאַרשעמט).

דאָס פּוסטע הויז שטייט ווייט פֿון מאַרק,
פֿון רווישנדיקער גאַס, פֿון טומלענדיקער שטאָט,
פֿון מענטש און מסחר. און דערפֿאַר איז דאָ זיין היים,
די היים פֿון נכבע און געפֿאַלענעם — דאָס הויז פֿון גאָט.

וואָרעם גאָט, וואָס האָט אים דאָ אַהער געפֿירט
און ביז צום שוועל פֿון פּוסטן הויז געבראַכט,
האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט
דעם בלינדנס אורח איבער נאַכט.

דאָס פֿאַרשעמטע בגד

דאָס הויז איז חושך, ווי דער האַרבסט.
דער הויף — פֿאַרוואָרלאָזט, וויסט.
אַ שמאַטע־בגד ליגט און שלאָפֿט
אין ווינקל אויפֿן מיסט.

דער בעטלער, דער וואָס נעמט שוין אַלץ,
אַבי ס'איז נאָר אומזיסט,
אפֿילו ער וויל אויך דאָס קלייד
נישט אויפֿהויבן פֿון מיסט.

דער שמאַטע־קלייבער — ער אַליין
אַ שמאַטע — גייט פֿאַרביי
דאָס טראַנטע־קלייד און קוקט עס אָן
און טוט אויף דעם אַ שפּיי.

נאָר אין לבנהדיקע נעכט,
בשעת עס שלאָפֿט די שטאָט,
בלינקט־אויף אין שמאַטע־קנויל אַ קנאָפּ,
אַן אויג, וואָס וויינט פֿאַר גאָט.

און גאָט, וואָס זעט דעם נכנעס צער,
און פֿילט זיין שווער־געמיט,
ער נידערט צו דעם הויף אַראָפּ
מיט ווייכע שטילע טריט.

ער טוט דאָס שמאַטע־בגד אָן
און הילט זיך איין אין דעם.
אַ ווייסע ליכטיקייט שטראַלט־אויף
ביי אים פֿון הינטערן ברעם . . .

אַ קעניג שפּרייזט אַרום אין הויף,
אַ מלכות — אַלט און מיד.
און איך, וואָס שלאָף ניט אָפֿט ביינאַכט,
באַזינג דאָס אין אַ ליד.

גשם

איך האָב געבעטן: — גאָט, גיב רעגן! —
האָסטו מיין תּפילה האַלב דערהערט.
געשיקט מיר וואָלקנס, גרויע, שוואַרצע,
קיין רעגן אָבער — ניט באַשערט!

אַרום דעם קוימען פון מיין שטיבל
אין קרומען קרייז שוועבט אום די קראָ.
איך זיץ און וואַרט . . . בין מיד שוין וואַרטן.
קיין רעגן אָבער — אַלץ נישטאָ.

מיין פעלד איז נאַקעט, ווי דער מדבר.
מיין בוים אַ דאָרן פאַר מיין שוועל.
מיין ברונים — טרוקן, ווי מיין קוימען.
מיין גראָז ביים פלויט, ווי פאַרמעט געל.

דאָ נעכטן האָט מיין גוטער שכן
דערוואוסט זיך פון מיין שווערער נויט
און האָט ביינאַכט, בעת קיינער זעט ניט,
ביים שוועל אַוועקגעלייגט אַ ברויט.

איך ווייס, אַז ברויט איז הייליק, הייליק,
צי אַלט־געבאַקן, אָדער פריש,
נאָר כ׳וועל לכבוד דעם ניט לייגן
קיין ווייסן טישטוך אויף מיין טיש.

און אויך קיין ליכט וועל איך נישט צינדן.
איך שעם זיך פשוט פאַר די ווענט,
און ס׳איז מיר פראָסט אַ וויסטע חרפּה
פאַר מיינע אייגענע צוויי הענט!

אפֿילו פֿאַר מיין אייגנעם שאָטן,
וואָס היט ווי אַ גנבֿ מיר די טריט,
וועל איך דאָס בעטל־ברויט ניט בענטשן
און בעטן גאָט — אוודאי ניט!

און שילטן אין דער פֿינצטער — אויך ניט.
קען זיין — איך מעג. ס׳איז אפֿשר רעכט!
נאָר כ׳בין קיין פּחדן ניט, קיין נכנע,
און קיינמאָל ניט געווען קיין קנעכט!...

איך בעט דיך, האַלט ניט אויף דעם רעגן!
ניט לאָז פֿאַרגיין אין הונגער־נויט
מיין פֿעלד, מיין בוים, מיין האַנט, אין וועלכער
עס וויינט דאָס נבֿזהדיקע ברויט!

דאָס ליד פֿון דעם קאַמאַר

בוז־ז־ז־ז־ז־ז־ז־ז־ז־ז־ז־ז — — — —
פֿינצטער.
צוגעשלאָסן טיר און טויער.
איך אַליין — אינגאַנצן אויער.
פֿאַר זיין תּפֿלהדיקן טרויער.
— פֿלאַטער, פֿליטער, ווירבל, הויער, הויער!
קום אַרויס פֿון בלינדן לויער!
גריזשע . . . עגבער, בויער, בויער!

אומעטום, אין יעדן ווינקל —
מזרח, מערב, צפֿון, דרום —
אַ קאַפּעליע פֿון כּלי־זמרים:
פֿלייט און פּייפֿל, האַרף און פֿידל,
לירע, צימבל, באַס, באַנדורע —
דורע . . . דורע . . . דורע . . . דורע!

„נישט קיין געבעטענע,
אַליין געקומען,
כאָטש אַן אָרעמע
דאָך אַ מומע.
אָרעם איז נישט גוט,
אָרעם איז נישט גוט —
לאָמיר זיך ניט שעמען
מיט אייגענעם בלוט".

וויינט דאָס לייב אויף מיין געלעגער:
— ליגן . . . ליגן . . . ליגן . . . ליגן!
ניגון . . . ניגון . . . ניגון . . . ניגון! —
הער אויף וויגן! הער אויף וויגן!
ווער אַנטשוויגן! ווער אַנטשוויגן!
ווער אַנטשוויגן — שוויגן, שוויגן, שווי־ג־ן־ן־ן!

דאָ און דאָרטן.
אויבן, אונטן,
אונטן, אויבן —
אויף די סטרונעס פֿון אַ פֿידל
נאָגט אַ הייזעריקער בויגן . . .

כ'זוך מיט פֿיבערדיקע אויגן —
פֿענצטער! . . . שויבן! . . . שויבן! . . . שויבן!
קוימענס! דעכער! גאַסן! הויפֿן!
לאָמפּן. בריקן. וואָלקנס. שטערן! —
ברייטע רוימען . . . ווייטע ספֿערן . . .
ספֿערן . . . ספֿערן . . . ספֿערן . . . ספֿערן!
לויפֿן! . . . לויפֿן! . . . לויפֿן! . . . לויפֿן!
גאָרנישט הערן . . . נעלם ווערן! נעלם ווערן!

הער אויף ברומען! הער אויף זשומען! —
שלאָף און חלום צוגענומען . . . צוגענומען!
קום! . . . מיין נאַכטהעמד — אויפֿגעכראַשטשעט . . .
זויג! און — לאָז מיך איבערקומען! —
ס'בלוט מיינס — וואַרעם, זיס און ווײַניק!
טרינק! ווער שיכור! . . . סאַראַ תענוג!

ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש־ע־ע־ע
שויך! — אין מזרח נעמט שארייען.
דעכער פֿלאַמען . . . הענער קרייען.
באַלד — און אַלצדינג וועט פֿאַרגייען,
אויפֿן ווינט פֿאַנאַנדערווייען! — — —

טיר און טויער ווידער אָפֿן —
מיד . . . עס שלעפֿערט . . . שלאָפֿן, שלאָפֿן, ש־ש־ל־אָ־פֿ־פֿ־פֿ־ן . . .

מיין האָן, מיין גאָלדענער

„די מאַמע האָט מיך געשיקט קוילענען אַ הון"
(פֿון פֿאָלקס ליד)

מיין האָן זיצט אויפֿן דאַך,
פֿון שוחט ניט דערשאָכטן,
די פֿיס געפּענטעט און
די פֿליגלען, שטייף פֿאַרפֿלאָכטן.

דער מערב וועלבט זיך רויט.
די זון האַלט ביים פֿאַרגייען.
מיין האָן, מיין גאָלדענער,
עס איז דאָך זמן־הקרייען!

ער טוט אַ שטרעק דעם האַלדז,
אַ צאַפּל מיט די פֿליגלען —
אַ שוואַרצער שפּאַרבער שוועבט
איבער ימען רויטע שפּיגלען . . .

איך שטיי און וואַרט . . . און ס'וויינט
דאָס האַרץ מיר פֿאַר רחמנות:
אומזיסט דיך אויסגעהיט
פֿון שפּאַרבערס און וואָראָנעס!

געזען, ווי ס'לויטערט זיך
דאָס ליכט אין דיינע אויגן,
ווי דו צעפּעכערסט זיך
אין אַ גאָלדנעם רעגנבויגן;

געהערט דיין ערשטן קריי
דער מאָרגן־זון אַנטקעגן —
פֿאַרקינדיקסט צו דער וועלט
דיין ערשטן פֿרילינג־רעגן.

מיין האָן, מיין גאָלדענער,
מיט צוגעמאַכטע אויגן:
עס רעגנט . . . דו וועסט שוין
ניט זען דעם רעגנבויגן.

דאָס הויז ביים סוף פֿון קרומען שליאַך

וואָס האָב איך זיך דערפֿרייט?
און וואָס איז דאָ געשען?
— ביים סוף פֿון קרומען שליאַך
האָב איך דאָס הויז דערזען.

אַ קליין באַשיידן הויז
ביים סוף פֿון קרומען שליאַך.
איז וואָס איז דאָ די פֿרייד?
— דער קוימען אויפֿן דאַך!

דריי קליינע פֿענצטערלעך,
פֿיר ווענט, קוים אַכט פֿוס הויך —
נאָר צווישן דאַך און גאָט
אַ בלויע ווערבע רויך.

דאָס האַלץ אַפּנים פֿייכט,
דאָס קען מען זען אָן רויך,
וואָס פּויזעט, ווי אַ קאַץ
פֿאַמעלעך אויפֿן בויך . . .

דאָס האַלץ האָט מען פֿאַרטאָג
פֿון נאָנטן וואַלד געבראַכט.
עס שמעקט נאָך פֿון דעם רויך
דער רעגן פֿון ביינאַכט.

עס שמעקט מיט פֿייכטן וואַלד,
מיט גראָז, מיט היי און סכך.
אַ יעדע קודלע רויך —
אַ פֿאַווע אויפֿן דאַך.

דער וואָלקן און דער וואַלד,
דאָס הויז, דער רויך און איך
ביים סוף פֿון קרומען שליאַך
צונויפֿגעטראָפֿן זיך.

אָט דאָס איז דאָך דאָס הויז,
וואָס איך האָב אַלע יאָר
געזוכט אין חלום און —
געפֿונען אויפֿן וואָר! . . .

דאָס ליד פֿון פֿרום־גלוביקן

אַ שוואַרצע פֿינצטערניש האָט אויף מיין הויז אַראָפּגעגנידערט,
נאָר איך, איך האָב מיין פֿענצטער ניט פֿאַרמאַכט.
דו האָסט דאָך מיך געלערנט דיינע שטערן ליב צו האָבן, גאָט!
זאָל איך פֿאַרגעסן . . . און זיך שרעקן פֿאַר דער נאַכט?

דער פּחד האָט, ווי אַ מגפֿה, טיר און טויער ענג פֿאַרריגלט,
נאָר איך, איך האָב מיין טיר געלאָזן אָפֿן שטיין.
דאָס גאַנצע לעבן מיינס ביסטו געווען מיין היטער, גאָט!
זאָל איך ערשט מורא האָבן זיין מיט זיך אַליין?

כ׳האָב אויף מיין דאָך אפֿילו ניט קיין בליץ־פֿאַרהיטער,
וואָס זאָל די פֿייער־פֿיילן דיינע אָפּשלאָגן צוריק . . .
דו האָסט דאָך מיך אַזויפֿיל מאָל געשלאָגן אין מיין לעבן, גאָט!
זאָל איך זיך שרעקן פֿאַרן שמאַרץ, וואָס נעמט אַן אויגנבליק?

דער שפּיגל

כּסדר יעדן אינדערפֿרי סיי זומער און סיי ווינטער
באַגעגנסטו דאָס פּנים דײַנס אין שפּיגל,
באַמערקסט, ווי צווישן אויג און שלייף צעווערצלט זיך
אַזאַ מין שאָטנדיקער שפּינוועבס־דינער פֿליגל . . .

כּסדר יעדן אינדערפֿרי אַנטפּלעקט פֿאַר דיר דער שפּיגל:
דער קאָפּ ווערט גרויער, גרויער, גרויער,
און אין די דורשטיקע שוואַרצאַפּלען פֿון די אויגן דײַנע
ווערט טיפֿער, טיפֿער, טיפֿערער דײַן טרויער.

איעדן אינדערפֿרי געווערט עס לענגער, לענגער, לענגער —
פֿאַרקלערטער . . . שטילער און פֿאַרשטומטער . . .
באַמערקסט — דער שטילער שמייכל אויף די ליפּן דײַנע
ווערט אומעטיקער, קרומער, אויסגעקרומטער.

עס פֿאַלט דיר אײַן אַ זעץ־טאָן מיטן פֿויסט אין שפּיגל.
דאָס האַרץ דערשרעקט זיך, טוט אַ ציטער:
— דו, טפּש איינער . . . וועסט באַגעגענען דײַן פּנים
באַזונדער אין איעדן שפּיגל־שפּליטער!

— אַ ים מיט אומעטיקע אויגן קוקן אָן דיך אין יסורים.
בלײַבסט שטיין געפּלעפּט, פֿאַרוואונדערט:
אָנשטאָט דאָס פּנים, וואָס דו ביסט געוואוינט געווען צו זען,
דערזעסטו פּלוצים הונדערט, הונדערט!

וואוהין ס׳איז מיר באַשערט

איך ווייס וואוהין די סטעזשקע פירט:
אַ קורצע שעה — און באַלד
בין איך אין שאָטנדיקן ראָד,
וואָס נעמט אַרום דעם וואַלד.

איך גיי מיט שפּאַרעוודיקע טריט,
אַ רענדל יעדער טראָט.
באַלייט מיך ביז צום שאָטן־ראַנד,
דערבאַרעמדיקער גאָט!

איך האָב דיך אומעטום געזוכט,
ביסט אומעטום געווען,
נאָר איך האָב קיינמאָל, קיינמאָל נאָך
דיין פּנים נישט געזען.

— דו האָסט פאַרנומען מיין געבעט
און זיך צו מיר גענענט —
דער וואַלד — אַ פייערדיקע קרוין:
דיין פּנים שטראַלט און ברענט!

צו שאַרף דיין ליכט! . . . דאָס פייער האָט
מיין ראיה מיר פאַרצערט.
כ׳בין בלינד! . . . נעם, גאָט, מיין האַנט און פיר,
וואוהין ס׳איז מיר באַשערט.

עפּיטאַף

די וועלט איז אָפּגעשיידט פֿון מיר און פֿרעמד . . .
און דו, מיין חלום־וואָר, — דערווייטערט.
אַ מעלאַנכאָלישע לבנה נאָך אַ חשונדיקן רעגן,
פֿון ווינט און וואָלקן אויסגעלייטערט.

אין איין כהרף־עין צייט און רוים פֿאַרבלענדט,
פֿאַרקלעקט, פֿאַרמעקט, פֿאַרווישט געוואָרן —
אַ ברענענדיקער לאָמפּ, בשעת עס הויבט אָן טאָגן.
מיין נאָמען צאַנקט, פֿאַרבלייכט אין דיין זכרון.

און דו, מיין ליד, אַרום מיין פֿענצטער פֿלאַטערסט.
דו שלאָגסט אומזיסט אַרויס זיך פֿון די כוחות.
אַזוי־אָ צאַפּלט זיך דער שם פֿון אַ געשענדטער ספֿר־תורה,
פֿאַרפּלאָנטערט אין די פֿאַלדן פֿון צעריסענעם פּרכת.

אָ, ליד, מיין ליד! נעם אָן פֿאַר ליב דיין בלינדן גורל,
און ווי געוועזן — בלייב פֿרום, עניוותדיק און גלויביק.
ניט נאָר די זון, די שטערן, די לבנה און די בענקשאַפֿט,
נאָר אויך דער שטויב פֿון שוכן־עפֿר איז אייביק, אייביק.

מים המאררים

מים המאררים

משה אויף דעם באַרג נבו

על הנסים

עס פֿלאַקערט אַרום מיר די שלאַכט

פֿון תרשיש מיט דעם ים

אַ גאַסט, וואָס קומט אינמיטן נאַכט

דער טאָל פֿון טויט

אונזאָרן אויפֿן ים

דער בוג איז ווייט פֿון דאַנען

אַזאַ מין וואונדער פֿויגל

פֿליגלען

פֿויערים מיט העק

אַ טויטע בין

נישטאָ קיין אַנטרינונג

משה אויף דעם באַרג נבו

. . . און שטיל און אומעטיק האָט ער געשפּאַנט אַרויף צום באַרג נבו.
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, געמאָסטן טראָט נאָך טראָט,
די פּלוינען מואבס הינטער אים און פאַראויס, פאַר אים — גאָט.

זיין האַרץ איז זאַט מיט מידקייט און איז הונגעריק נאָך רו.
די זון פאַרגייט. דער מערב ברענט . . . ער מאַכט די אויגן צו:
— אָ, גאָט, מיין האַר! איך ווייס, וואוהין דו פירסט דיין קנעכט.
דו האָסט געלערנט מיך צו גיין אין דיינע טריט, און איך געהאָרך.
איך טו דיין רצון, ווארעם דו ביסט לייטזעליק און ביסט גערעכט.

דו האָסט געוויזן מיר דאָס לאַנד, וואוהין איך האָב לויט דיין באַפעל
געפירט מיין פאָלק. דאָס לאַנד ליגט אויסגעשפּרייט פון גלעד ביזן ים.
אַזוי ליגט אויסגעשפּרייט מיין בענקעניש, דער חלום פון מיין זעל,
פון ים־סוף ביז צום לאַנד, וואָס טאָגט פאַר מיר אין לעצטן אָוונט־פלאַם . . .

איך זע דעם ירדן פליסן אין דעם טאָל. אַזוי זאָל זיין, אָ, גאָט, מיין רו!
דען איך, דיין קנעכט, בין מיד, און מיינע מידע אויגנדעקלעך פאַלן מידע צו.
דו זעסט די טונקעלע מחשבות מיינע פון מיין האַרץ. דו זעסט און ווייסט,
אַז מיך פאַדריסט . . . נאָר שטראָפן דעם, וואָס דו האָסט שוין אַזוי געשטראָפט,
וועסטו שוין ניט . . . און טרייסטן מיך, פאַרמאָגסטו ניט אַזויפיל טרייסט.

איך האָב מיין פאָלק, דיין שווער־געפייניקט פאָלק, לויט דיין באַפעל
אַרויסגעפירט פון קנעכטשאַפט און פון פינצטערניש און דאָס געבראַכט
צום שוועל פון צוגעזאָגטן לאַנד. פאַרגעס ניט, האָסט פאַרשפּראָכן אים:
— אין פילקייט ועסטו זיין, ווי זאַמד, וואָס אויף דעם ברעג פון ים
און ווי די שטערן, וואָס אין הימל, שטערן אין אַ העלער זומער־נאַכט.

איך זע פאַר זיך דאָס אויסדערוויילטע לאַנד, נאָר מיר איז ניט באַשערט
צו פילן אונטער מיינע מידע טריט, ווי ס'קלאַפּט דאָס ציטעריקע האַרץ,
דאָס מיידלש־וואַרעמע, אַפילו פון אונטער דער דערוואַכטער, גאַרנדיקער ערד.
איך זע די סטעזשקעס און די וועגן, ווי זיי אָדערן פאַנאַנדער זיך געדיכט

אַריבער דיינע בערג און טאָלן, אָבער מיר, אָ, גאָט, האָסטו פֿאַרווערט
צו טרעטן דאָרט, וואו ס'טרעט דער אָקס, דער אייזל און דאָס פֿערד —
אַפֿילו אויף דעם הפֿקרדיקן זאַמד פֿון מדבר, וואו דאָס לאַסט־טיר טרעט.
פֿאַרווערט איז מיר צו הערן ווי עס קלינגט אין פֿעלד דעם שניטערס סערפּ,
ווי ס'פּלאַפּלט אויפֿן טייך דעם פֿישערס פֿלאַטערדיקער זעגל אינם ווינט.
פֿאַרווערט צו הערן מיר דאָס ברויט־געזאַנג פֿון דיינע דערפֿער אויפֿן לאַנד,
די יום־טובדיקע פֿרייד, וואָס שאַלט אַרויס פֿון דיינע האָפֿערדיקע שטעט.

מיין האַרץ איז שווער און שווער איז אויף מיין צונג דאָס וואָרט.
נאָר דו פֿאַרשטייסט און זעסט . . . און רעדן איז מיר שוין פֿאַרשפּאַרט.
דעם צער, וואָס איך האָב אויפֿגעזאַמלט אין מיין זעל, דאָס ביסל טרייסט,
וואָס דו האָסט צוגעטיילט דיין קנעכט, האָסטו באַשטימט און ווייסט,
וועט אונטערגייען מיט די לעצטע רגעס פֿון מיין זיין דאָ אויף דער ערד.
נאָר ניט דיין צוזאָג, וואָס דו האָסט פֿאַרקינדיקט צו דער וועלט,
דיין נדר, וואָס איך האָב געטראָגן צו מיין פֿאָלק אין מיינע שטאַמל־רייד;
און ניט מיין אויסגעבענקטן חלום, וואָס איז ערשט געוואָרן פֿאַר מיר וואָר —
זיי וועלן ניט פֿאַרגיין אינאיינעם מיט מיין טרויער און מיין פֿרייד.

שפּרייט אויס אַריבער מיר דיין האַנט און בענטש מיך מיט דיין שטראָף,
פֿאַרוויג מיך אין דיין שויס צו שטילער רו, וואָס דו רופֿסט טויט,
די רו, וואָס איך, דיין קנעכט, וועל רופֿן מיט דיין הסכם — שלאָף.
דען הערן וועל איך דיינע טריט אין רעגן, וואָס וועט פֿאַלן אויפֿן גראָז;
דיין רחמים — אין געמורמל פֿון דעם דינעם וואַסערשטראָם, וואָס רינט
אַרונטער פֿון די פֿעלזן; און דיין צאָרן — אין דעם דונער אויף די בערג;
דיין פֿלוך אויף מיינע פֿיינט, וואָס רינגלען מיך אַרום — אין שטורעמווינט.

שוין פֿיל איך דיינע ליפּן אויף מיין שטערן און דיין אָטעם אויף מיין באַק.
איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז רו קען זיין אַזוי געשמאַק,
אַזוי באַטעמט . . . ג־ע־ש־ש־ש־מ־אַ־ק . . . . .

על הנסים

— איז איצט? ערשט היינט דער וואונדערלעכער נס געשען?
צוויי טויזנט יאָר צוריק שוין האָב איך אים געזען,
ווען איך בין נאָך אין פּרעהס לאַנד אַ קנעכט געווען
און שטרוי אין זאַמד געקליבן.

בשעת דער זאַמד האָט אונטער מיינע פּיס געברענט,
בשעת איך האָב אַליין מיט מיינע וויינענדיקע פּאַטערלעכע הענט
דאָס לעצטע קינד מיינס איינגעמויערט אין די ווענט
פֿון פּתום און רעמסס,

האָב איך שוין דאַן געטנהט צו מיין קינד: — מיין מת,
זיי שטיל, ניט וויין! . . . געדענק און ניט פֿאַרגעס!
עס וועט געשען! עס דאַרף! עס מוז געשען דער נס! —
דער נס פֿון אַלע נסים!

און ווען די שטאַרקע ווענט פֿון ציגל און פֿון שטיין,
ווי זאַלץ אין וואַסער, וועלן זיך אין ווינט צעגיין,
וועט אייביק בלייבן דאָס געזאַנג פֿון דיין געוויין —
דאָס ליד פֿון אַלע נסים!

ווען איך וועל מיט דער זון אינאיינעם נאָכן אַקער גיין,
ווען כ׳וועל מיין זריעה צווישן שוואַרצע גרודעס זייען
און שפּעט סוף־זומער מיט מיין גרעטעניש זיך פֿרייען,
וועסטו דאַן זיין מיין תּפֿלה.

און ווען מיין פֿעלד צום סוף פֿון שניט וועט פֿלאַמען רויט,
און אויף מיין טיש וועט שטראַלן, ווי אַ קרוין, מיין לאַבן ברויט,
וועט אויף מיין ליפּ אַ ציטער טאָן דער שאָטן פֿון דיין טויט —
כ׳וועל יעדן ביסן בענטשן!

איצט נידער איך אין טאָל אַרונטער צו דעם אַלטן שמיד,
וואָס דרעמלט לעבן פֿייער, מחמת דעם וואָס ער איז מיד,
און זאָג צו אים: — שטיי אויף! שמיד איבער מיר מיין ליד
אין אַ זינגענדיקן אַקער!

און וואַרף אין פֿלאַם די לעצטע קוילן, וואָס דו האָסט,
און נעם די שווערד — מיט בלוט און טרער, און ראָסט —
האָט זעקס מיליאָן מיט לעבנס הייליקע מיך אָפּגעקאָסט —
און שמיד מיר אויס אַ בראָנע!

צוויי טויזנט יאָר זיך צו מיין ערד ניט צוגערירט.
מיין האַנט — צוויי טויזנט יאָר קיין אַקער ניט געפֿירט . . .
אַ העמד, אַליין געשפּונען, אויף מיין רוקן ניט געשפּירט,
פֿון אייגן וואָל קיין קלייד געטראָגן!

און זאָגן וועט דער קלוגער אַלטער שמיד אַזוי צו מיר;
וואָס ער וועט זאָגן ווייס איך שוין אַפֿריער:
עס ווייגען זעקס מיליאָן קדושים דאָך פֿון שווערד אַפֿיר!
און ווידער פֿלאַם און פֿייער!!!

און זאָגן וועל איך צו דעם אַלטן שמיד: — די שווערד
באַהעפֿטן וועט זיך דאָך צוריק מיט אונדזער ערד!
וואָס זיי איז ביי דעם לעבן ניט געווען באַשערט,
וועט איצט מקוים ווערן!

און אַז דער האַמער וועט אַ פֿאַל טאָן צו דעם שטאָל,
וועט אויפֿגיין אַ געזאַנג פֿון ביינער טרוקענע פֿון טאָל . . .
איך האָב אַ נס אַזאַ געזען שוין לאַנג צוריק. אַמאָל . . . אַמאָל . . .
ע צ מ ו ת ה י ב ש ו ת !

איך האָב דעם נס דעם וואונדערלעכן שוין אַמאָל געזען.
צי קען דער נס דער הייליקער דען צוויי מאָל ניט געשען?
וואָרעם וויפֿיל נסים בין איך דען אַליין שוין ניט געווען —
און אַלץ נאָך נס געבליבן?

עס פּלאָקערט אַרום מיר די שלאַכט

עס פּלאָקערט אַרום מיר די שלאַכט.
גאָט, שיק אונדז יהושע בן נון!
און איידער עס פאַלט צו די נאַכט,
שטעל אָפּ ווי אין גבעון די זון!

צי ווילסטו פאַרטרינקען דען, גאָט,
אין חשך אַרום מיר די ערד,
כדי כ׳זאָל ניט טרעפן צום שטאָט
פון שונא, ניט זעען זיין שווערד?

ווי גרויס ס׳איז געווען די געפאַר
ביי גבעון, אָ, גאָט, ניט פאַרגעס,
אַז היינט איז זי גרויס — אין לשער! —
און גרעסער דאַרף היינט זיין דיין נס.

דער שונא איז מאַכטיק אין צאָל,
און איך בין פאַרשרומפּן און קליין.
אַ דריטל פון מיר ליגט אין טאָל
פאַרשניטן — בלויז קנאָכן און ביין.

און ווילסטו? . . . און איז מיר באַשערט
צו פאַלן דער לעצטער אין ריי —
אַ בליץ זאָל זי ווערן מיין שווערד,
אַ דונער — מיין לעצטער געשריי.

אַ טרייסל טאָן זאָל זיך די ערד
און אויסלעשן זאָל זיך די זון!
צום לעצטן מאָל: — הויב אויף דיין שווערד
און פיר אונדז, יהושע בן נון!

פֿון תּרשיש מיט דעם ים

אַ מידער מאסט, אַ נאַקעטער,
ביים כמורנעם ברעג פֿון ים,
אין מאָרגן־נעפּל שלאָפֿט אַ שטאָט,
אַ שטאָט — אַ פֿרעמדע סתם.

עס קרעכצט דער מאַסט און וואַקלט זיך:
ער בוקט זיך צו דער שטאָט.
איך קום פֿון תרשיש מיט דעם ים,
געזעגן אין שטורעם, גאָט!

פֿון אויס דעם שטורעמווינט האָט ער
צו מיר אין צער גערעדט:
— פֿון תרשיש — מער קיין זכר ניט
און נינוה — אַלע שטעט.

אַנטרונען איז ער פֿון פֿאַר מיר
אין גורלדיקסטער שעה!
אַז ווײ איז מיר, וואָס נינוה בליט
און תרשיש איז נישטאָ!

עס קרעכצט דער מאַסט און הוידעט זיך
אין שאָטן פֿון דער שטאָט.
— אויך איך בין אַן אַנטרונענער
פֿון שטורעם און פֿון גאָט!

אויף אַלע זיבן ימען בלינד
געוואָגלט נע־ונד
כ׳האָב אויסגעמיטן לענדער, שטעט
און יעדנס אויג מיט חשד . . .

און איך בין מיד פֿון וואָגלעניש,
פֿון דעם, וואָס איך געדענק.
די ימען זיינען אומעטיק,
און איך האָב זיך פֿאַרבענקט.

אַ גאַסט, וואָס קומט אינמיטן נאַכט

א.

איך לייען, די בלעטער ציטערן אונטער מיינע דרימלענדיקע פינגער.
די מידקייט קלאַפּט אין שליף, דער גוף ווערט גרינגער, גרינגער.

מיר דאַכט זיך עמעץ קלאַפּט אין טיר: „אַריין!" — די טיר איז סיי ווי אָפּן.
געזען אין פענצטער ברענט ביי דיר אַ ליכט, און דעם וועג צו דיר געטראָפן.

פון זיבן טויזנט אויסגעשאָכטענע בין איך געבליבן איינער, איינער.
בין ערשט פון שחיטה־שטאָל אַנטרונען מיט מיין אייגן זעקל ביינער.

און דאָס איז אַלץ, וואָס מיר איז פון דער שחיטה־נאַכט געבליבן.
איך האָב דאָס נאָך דער שׂרפה צווישן אַש און זשאַר צונויפגעקליבן.

איך האָב נאָך אַנדערע הפצים אויך פאַרשלעפּט דאָ מיט מיין זעקל ביינער—
דער טויט ווערט אויך אפילו מיד, שלאָפט איין . . . אַ רגע היט ניט קיינער.

ב.

בין מיד. בין מיד פון פחד און פון פיין, פון וויסטן וואָגל־וואַנדער.
דאָ האָסטו מיין פאַרמעג . . . נעם קניפּ אַליין דעם שוואַרצן קנופּ פאַנאַנדער!

פון אַלץ, וואָס איז געווען און איז נישטאָ, געבראַכט האָב איך אַ זכר:
אַ האַלבער שינדל פון אַ דאַך — אַ שטאָט מיט אָפּגעברענטע דעכער.

אַ שטיקל פאַרמעט — בערג געשענדטע און פאַרברענטע ספר־תורות,
אַ קנייטל פון אַ וואַקסן ליכט — פאַרלאָשענע דורות, דורות, דורות!

אַ הויפן אַש — טליתים, שמות, שופרות, תפילין און רצועות,
אַ פאָדעם קלאָטשע פון אַ שטריק — אַ געדיכטער וואַלד פון תליות.

דו לאָזסט אַרונטער צו דער ערד דעם קאָפּ פאַר צער און חרפות־בושה? —
איך האָב נאָך אַנדערע רעשטלעך אויך — מסירת־נפש, רצון, קדושה!

טאָ נעם, גיס אָן מיט רחמים ביז צום סאַמע ראַנד דיין בעכער
און טרינק צו מיר, דיין מידן גאַסט, דער לעצטער, לעצטער זכר.

ג.

אַז ווי איז דעם, וואָס האָט געזען אַליין מיט זיינע אייגענע צוויי אויגן,
ווי טויזנט מתים שטייען מיט רידלען אין די הענט, אין דרייען איינגעבויגן

און גראָבן, גראָבן, גראָבן שטום, געליימט פֿון אַנגסט און טויט־סכנה,
בשעת עס האָפּקען אויף די רידלען שוואַרצע גרודעס ערד אַנטקעגן דער לבנה.

אַז ווי איז דעם, וואָס האָט געהערט ס׳געוויין פֿון טויזנט רידלען,
— אַזאַ מין אימהדיק געזאַנג — ד ע ר ט ו י ט א ו י ף ט ו י ז נ ט פֿ י ד ל ע ן.

אַז ווי איז דעם, וואָס האָט געפֿילט דאָס אויג פֿון רשע הינטערן רוקן
אין לויער אויף דיין האָרץ . . . דערשפּירסט און שרעקסט זיך אומצוקוקן.

דאָס וואַרטן און דאָס ריכטן זיך . . . דאָס שטיין אויף וואַך אַ גרייטער
צו טאָן אַ פֿאַל מיטן פּנים צו דער ערד — אַ וואָרעם אָן אויפֿגעדרייטער! —

ד.

אַ פּחד כאַפּט אַרום דיין האָרץ. דיין מאַרך צינדט אָן זיך פֿון יסורים.
אַ ים מיט הענט פֿאַרשטאַרטע, אויסגעלייגט, ווי זאַנגען נאָך אַ שטורעם.

אַ קראָ אַ שוואַרצע אויף אַ בלאַסער האַנט, וואָס צוקט אין לעצטער גסיסה,
פֿאַרמעסט זיך אויפֿן אויג, וואָס פֿרעסטלט זיך אין שאָטן פֿון דער מיתה.

אַ וואָלף, אַן איבערזעטיקטער פֿון בלוט, באַשמעקט אַ הורבע גלידער.
פֿון קופּע דרויב שטייט אויף אַ פֿויסט — אַ צוק און פֿאַלט אַנידער.

אַ טויזנט מתים ליגן מיטן פּנים צו דער ערד, בלויז איינער — אויפֿן רוקן.
אַ גרויל צו זען ווי פֿאַרצעלייענע צוויי אויגן קוקן, קוקן, קוקן

אַרויף צו דער לבנה . . . הערסט, געליימט פֿון שרעק דעם ווינט דעם רויען
דורכן מויל, פֿון גסיסה־אַנגסט געלאָזן אָפֿן, וואָיען, וואָיען, וואָיען.

דו הערסט פֿון ווייט אַרום ווי סטייעס הינט אויף מיילן איבער מיילן
— אַ ווידערקול צום נאַכט־ווינט — אין דער פֿינצטער היילן, היילן, היילן?

ביז דו, וואָס הערסט זיך אייך צום ווילדן וואָיען, ווערסט אַליין אַ חיה,
שטרעקסט אויס דעם האַלדז, מאַכסט אויף דאָס מויל און הויבסט אָן שרייען, שרייען.

ה.

בלויז איך אַליין, וואָס בין געווען דער שוחט און דער חלף, און די שחיטה,
אַליין דער קָרבן און דער בר־מינן, אַליין דאָס טהרה־ברעט, די מיטה,

באַנעם מיט אַלע שאַרפֿקייטן דעם טעם פֿון כּף־הקלע, חיבוט און גיהנום.
כ׳האָב אַליין געהייצט די קעסלען און געקאָכט די סמאָלע. כ׳האָב געזען אים!

ו.

וואָס ווייְנסטו, ברודער מייַנער? אויף מייַן גורל אויף מייַן שווערן?
צי אויף דער טרייסט פֿון גאָט, וואָס האָט פֿאַרשפּראָכן דיר: — ווערסט ווערן

אין פֿילקייט, ווי דאָס זאַמד ביים ברעג פֿון ים און ווי די שטערן
וואָס אין הימל . . . ווערסט זיך ווידמענען און פֿרוכפּערן, און מערן

און דו, וואָס ביסט בטבע פֿרום, גאָטספֿאַרכטיק־פֿרום און גלייביק,
דערשראָקן האָסט זיך פֿאַר דער ברכה: זאַמד און שטערן . . . אייביק, אייביק!

ז.

איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט. ווייזט אויס פֿון מידקייט איינגעשלאָפֿן.
דער לאָמפּ ברענט מרה־שחורהדיק אויף מייַנע קני, דער ספֿר — אָפֿן.

דאָס האַרץ גייט אָפּ . . . כ׳וויש אויס פֿון אויג דאָס לעצטע זעמדל דרימל.
סע שפּעט. נאָך האַלבער נאַכט. און אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן איז דער הימל.

דער טאָל פֿון טויט

איך שטיי ביים ראַנד פֿון טאָל און בליק אין תהום אין שוואַרצן.
צעבראָכן, ווי אַ טאָפּ אַ ליימענער — דיין לעבן!
איך זוך אַ וואָרט פֿון טרייסט פֿאַר דיר ביי זיך אין האַרצן.
איך נישטער, זוך . . . געפֿין און — כ׳שעם זיך דיר דאָס געבן.

איך זוך אין וויסטן טאָל . . . עס בליאַסקען וויסע ביינער.
איך הויב די אויגן אויף — אַ וויסטע נאַכט אָן שטערן.
דער בלינדער וואָלקן לאַכט מיט פֿייערדיקע ציינער.
כ׳הויב אויף מיין קול, און קען פֿון מויל קיין קלאַנג ניט הערן.

אַ קאַלטער פּחד האָט מיך דורך און דורכגענומען.
דער וואָלקן און דער ווינט — צעיושעטע צוויי ריטער.
עס פֿאַלט מיין האַנט . . . מיין צונג ווערט צוגעשמידט צום גומען.
איך נעם זיך אָן מיט כּוח. מיין ליפּ טוט קוים אַ ציטער.

דאָס האַרץ מיינס רייסט זיך אָפּ און בלייבט אין האַלדז מיר שטעקן.
איך האָב די ציין געקריצט, די ליפּן זיך צעביסן.
— איך זע דיין פּיין און קען מיין האַרץ דיר ניט אַנטפּלעקן!
איך האָב אויף זיך פֿאַר צער מיין קלייד, מיין העמד צעריסן!

און איך האָב זיך געאיילט. אומזיסט. צו־שפּעט געקומען.
— איך ברענג דיר היילונג, טרייסט! פֿאַרבינדן דיר די וואונדן!
פֿאַרלעשן דיר דעם דורשט, וואָס שרפֿעט דיר דיין גומען! —
איך בין אַליין דער דורשט; די וואונד, וואָס ניט פֿאַרבונדן.

איך האָב געמיינט, געהאָפֿט — ס׳איז נאָך ניט אַלץ פֿאַרלוירן!
איך האָב פֿאַר דיר אַ טרער — מיין אויג איז אויסגערונען!
איך האָב פֿאַר דיר אַ טרייסט — מיין האַרץ איז מיר פֿאַרפֿרוירן!
איך בין די מדבר און דער אויסגעשעפּטער ברונען.

איך שטיי פֿאַראָבלט, שטום. דער קאָפּ אין צער געבויגן
און אויסגעטריקנט איז אין מיר דער קוואַל פֿון טרערן.
מדבריות וויסטע צוויי — מיינע אויסגעוויינטע אויגן.
צוויי הימלען פֿול מיט נאַכט, אַ וויסטע נאַכט אָן שטערן.

געהאָפֿט — איך ברענג דיר רו, בטחון און נחמה.
גאָטס וואָרט וועט אויף מיין ליפּ צעפֿלאַמען זיך נביאיש.
פֿאַרלאָשן איז מיין אויג און פֿינצטער — מיין נשמה.
מיין האַרץ איז אָנגעפֿילט מיט פּחד און מיט יאוש.

אוזאָרן אויפֿן ים

אַ גאַנצע נאַכט אין חודש אָב
האָבן מיר, די נאַכט און איך,
פֿון ים ניט אָפּגעטראָטן.
דער ים דער אַלטער מאָזלט —
אַ שטערן־אויסשיט האָט זיך אויפֿן לייב אים אויסגעשאָטן.

דער ווינט פֿון הינטער דער לבנה זינגט אים שטילערהייט
אַן אומעטיקן איי־ליע־ליו־ניגון.
דער ים דער אַלטער וואַרפֿט זיך, ווי אַ קינד אין וויגל —
אַ קראַנקער אָדלער מיט פֿאַרוואונדעטע צוויי פֿליגל.
ער מורמלט, פּלאַפּלט, וויינט און לאָזט זיך ניט פֿאַרוויגן.

האָט ערשט געזען —
אַ חלום איז פֿאַרביי פֿאַר זיינע אויגן.
פֿון אויס דעם פֿינצטערן תהום דעם טיפֿן
גייט אויף דער חלום, ווי אַ רעגנבויגן:
אַ בריק, געוועבט פֿון פֿייערן און פֿאַרבן.
און הינטער איר
קארעלן־בערג, לבנה־ווייסע פֿעלזן, אינדזלען, שיפֿן.
און איבער זיי דורך ברענענדיקע רייפֿן גאַלאָפּירן
די פֿייערדיקע פֿיר אַפּאָקאַליפּסוס־רייטער
מיט בליצן־בייטשן אין די הענט
און ברענענדיקע לייצעס,
טורבאַנען־פֿייער אויף די קעפּ
און לאָגלען־כמאַרע אויף די פּלייצעס.
צום וויטן מזרח־לאַנד, צום וויטן ווייטער,
איבער ווייסע פֿעלזן־שוים און וועלן־בערג
פֿאַרשווינדן זיי די פֿייערדיקע פֿיר אַפּאָקאַליפּסוס־רייטער . . .

עס פלאַטערט אויף דער האָריזאָנט:
פאַנטאַסטישע אוזאָרן,
שאָטנס,
סילועטן,
זעגלען,
מאסטן,
שיפן־קאַראַוואַנען.
מינענדיקע פליגל־שאָטנס הינטער פלאַטערדיקע מעוועס:
— ניט וויט — אַ לאַנד, אַ אינדזל קענטיק וואו פאַראַנען.
אוזאָרן,
סילועטן,
זעגלען,
מאסטן,
שיפן, שיפן, שיפן!

נאַכט:
ווער זיינען זיי די אויסטערלישע שיפן אויפן ים?
איך:
די שיפן זיינען מיינע!
נאַכט:
דורך וואָסערע סימנים טוסטו זיי דערקענען?
איך:
פון אַלע שיפן זיינען זיי די ליכטיקסטע —
זיי ברענען!
די זעגלען — פאַרמעטן . . . טליתים.
די לייטערס און די שטריק — רצועות.
די מאסטן — אַ געדיכטער וואַלד פון ברענענדיקע תליות.

אַ פרייד אַ פייערלעכע וויקלט אונדז אַרום.
אַ ליכטיקער אָז־ישיר שאַלט אַרויס פון אַלע מיינע גלידער —
התלהבותדיקער, פייערלעכער, העכער, העכער!
כ׳הויב אויף דעם הימל איבער זיך און וועלט —
אַ שטראַלנדיקער קידוש־בעכער.

אַ בלויער שטערן־שוים די ראַנדן גייט אַריבער —
אַ פֿאַסמע ליכט ביים מזרח־ראַנד
אַ ווייסער רעגן־שפּריי פֿון שטערן און פֿון לידער.
אַ שיף . . . אַ ברעג . . . אַ טויב מיט ווייסע פֿליגלען —
מיין אויסגעבענקטע בענקעניש
צעשטראַלט אויף טויזנט וועלן־שפּיגלען.

דער בוג איז ווייט פֿון דאַנען

(פֿון אַ בריוו)

איך האָב שוין ווייס איך וויפֿיל בריוו
„אַהיים" צו זיי . . . געשריבן.
דער ענטפֿער איז: — „אַחוץ דעם בוג
איז גאָרנישט ניט געבליבן.

און איך, וואָס ענטפֿער אויף דיין בריוו,
פֿאַר גאָרנישט בין דיר ערב.
דיין נאָמען קניפּט אונדז יאָ צונויף,
קען גריילעך זיין — אַ קרוב!"

זיין כתב: די שורה — שפּיציק, שאַרף,
אַ זעג מיט קרומע ציינער,
אַ קאַלטע זעג, וואָס גריזשעט, פּרעסט
דאָס האַרץ, דאָס לייב, די ביינער.

איך קוק זיך אין דער חתימה איין,
מיר דאַכט זיך, ס'איז פֿאַראַנען
אין כתב אַן ענלעכקייט . . . ס'דערמאָנט ?־?־? —
איך קען זיך ניט דערמאָנען!

די אותיות רייצן זיך מיט מיר:
— דערמאָן זיך! . . . טרעף! . . . אָן וועמען?
כ'צינד אָן אַ ליכט ביי זיך אין האַרץ —
און לאָז זיך זוכן נעמען.

איך זוך, געפֿין, געפֿין און צייל —
אַ פֿינצטערע רשימה!
אַ שאָטן נעמט אַרום מיין בריוו.
עס שוועבלט בלויז די חתימה.

זי ווינקט און רייצט זיך מיט מיין אויג:
ס'איז דאָ . . . ס'איז דאָ . . . פֿאַראַנען! . . .
איך נישטער אין זכרון, זוך — — —
דער בוג איז ווייט פֿון דאַנען!

#

דער בוג דער בלויער פֿאַלט אַריין
אין פֿרעמדע ווייטע טייכן,
נאָר צום פּאַציפֿיק — ווייסט איין גאָט,
צי וועט ער ווען דערגרייכן.

און וועט ער שוין דערגרייכן ווען,
ווער וועט זיין טרויער הערן? — — —
דער בוג דער בלויער פֿאַלט אַריין —
אַ טרער אין ים פֿון טרערן.

אַזאַ מין וואונדער־פֿויגל*

איך האָב מיט מיינע לידער
צו טרייסטן דיך געמיינט.
דו פֿרעגסט: — ווי זינגט אַ ברודער
בשעת אַ ברודער וויינט?

אָט ברענט אַ וואַלד מיטביימער
און דער רויך דערביי איז שוואַרץ.
און איך — איך זינג דיר לידער,
און ס'וויינט ביי מיר דאָס האַרץ.

נאָר אַז איך זאָל אפֿילו
פֿאַרלעשן זיין בכוח
די פֿלאַמען און די לידער?
וואָס וועט אונדז בלייבן? — רויך!

איך ווייס דו ביסט פֿאַרפֿייניקט.
אַזוי איז אויך דאָס וואָרט!
נאָר זינגען זינג איך לידער
און טרייסטן טרייסט איך פֿאָרט!

פֿאַראַן אַ וואונדער־פֿויגל,
וואָס האָט צו זיך קיין פּאָר.
ער האַלט זיך אויף אין מדבר
און לעבט פֿינף הונדערט יאָר.

---

* דאָ ווערט געמיינט דער פֿעניקס פֿויגל, וועגן וועמען די לעגענדע דערציילט, אַז ער האַלט זיך אויף אין דער מדבר, און ער לעבט פֿינף הונדערט יאָר. צום סוף פֿון די פֿינף הונדערט יאָר פֿליט ער ערגעץ אַוועק און בויט זיך אויס אַ נעסט פֿון בשמים־צווייגלעך, צינדט זיך אַליין אונטער און פֿאַרברענט זיך אַליין. נאָכדעם ווי ער ווערט פֿאַרברענט, הויבט ער זיך צוריק אויף פֿון אַש אַ באַנייטער און טאָפּלט שיין, שענער ווי ער איז געווען פֿאַרן פֿאַרברענט ווערן. דער פֿעניקס ווערט דעריבער דער סימבאָל פֿון אייביק לעבן.

און אַז ער האַלטביים שטאַרבן,
פֿאַרברענט ער זיך אַליין.
ווערט פֿון אַש צוריק געבוירן,
באַנייט און טאָפּלט שיין.

דו האָסט אַזאַ מין פֿויגל
נאָך קיינמאָל ניט געזען?
נאָר איך בין פֿרום און גלוביק ——
עס האָט און — ס'וועט געשען!

פֿליגלען

דער טאַטע טרייבט אַן עראָפּלאַן
זעקס טויזנט מייל פֿון דאַנען.
די מאַמע אַרבעט אין פֿאַבריק,
זי מאַכט דאָרט עראָפּלאַנען.

ער ליגט אויף זיין געלעגערל
ביינאַכט; די אויגן — אָפֿן.
די שטערן פֿינקלען אויף זיין שויב
און לאָזן אים ניט שלאָפֿן.

עס איז שוין שפּעט, און ער איז מיד.
ער פּרואווט אַנטשלאָפֿן ווערן . . .
וואָס בליצט אין שויב? אַן עראָפּלאַן?
צי סתם אַזוי אַ שטערן?

די וויעס קלעפּן זיך. דער שלאָף
וועט באַלד זיי אים פֿאַרזיגלען.
— דער טאַטע פֿליט וואו אין דער נאַכט
מיט מאַמעס ווייסע פֿליגלען.

און ער איז זיבן יאָר שוין אַלט,
און טאָן וואָס טוט ער? גאָרניט!
מלחמה־צייט. קיין זאַך ניט טאָן
איז קעגן לאַנד. מע טאָר ניט!

ער שלאָפֿט ניט איין . . . ער וואַכט און וואַרט.
— וועט בעטן ביי דער מאַמען:
נעם מאַך מיר אויך צוויי פֿליגלען, זע,
צו פֿליען איבער ימען.

ער דרימלט איין . . . ער כאַפּט זיך אויף.
ווער ווײנט אַזוי פֿאַרביטערט?
די מאַמע ווײנט, און אויף איר האַרץ,
אין האַנט אַ בריוול ציטערט.

דער זייגער טיקעט, קרעכצט, וואַרפֿט אָן
אויף אים אַ מרה־שחורה.
וואָלט וועלן וויסן, וואָס זי ווײנט?
נאָר פֿרעגן האָט ער מורא! . . .

פויערים מיט העק

(דעראינערונג פון די אוקראינישע פאגראם־צייטן)

פארנאכט. עס ציט זיך א שערענגע פויערים מיט בלאנקע העק פון וואלד.
מיין הויז שטייט גראד ביים סאמע טויער, צווישן דארף און שטאט.
איך קוק מיט שרעק און ישוב זיך מיט זיך, און עצה זיך מיט גאט:
באהאלטן זיך אין בלינדן קעלער, אדער נעמען שרייען גוואלד?

איך היט די שכנים מיינע גויאישע, וואס וואוינען אויף מיין גאס.
איין פויער שטייט ביים טויער, ציט זיין ליולקע־רויך און טראכט.
א צווייטער טרייבט אריין אין שטאל די שעפסן אויף ביינאכט,
א דריטער דרעשט, א פערטער שלאגט אן רייפן אויף אן אלטן פאס.

נאר מאדנע, ווי דאס אויג מיינע פאדעט דאס ארום די העק!
באמערקט מיט אלע פינקטלעכקייטן, ווי די סומנע זון פארגייט:
איין האק איז בלוי, א צווייטע — ראז, א דריטע — שארלעך־רויט
און פון דער פערטער בליצט ארויס אזא מין פראסטיק־גרינע שרעק . . .

כ׳האב פאראיבל אויף דער זון, פארוואס זי שפילט זיך מיט דער האק,
בשעת איך טראכט אזוי, דערנענטערן זיך די פויערים צום בריק.
בין אליין פארגאפט, ווי שארף דורכדרינגלעך ס׳איז מיין בליק,
כ׳באמערק אפילו, ווי א גוי טראגט הינטערן פאס פארשטעקט א זאק.

וואס דארף א פויערל א זאק, בשעת ער גייט אהיים פון וואלד?
און וואס א שטייגער האט דאס פאר א שייכות מיט דער האק?
א טארבע — וואלט איך נאך געקענט באגרייפן. נאר א זאק? — — — —
דערצו נאך איצט, בשעת די זון פארגייט, פארלעשט זיך באלד?

איך עצה זיך מיט גאט, מיט זיך: וואס קען ארויסקומען דערפון?
די דרויסן־טיר פארריגלען אפשר? . . . אדער — קלער איך אויף צוריק —
זי דווקא לאזן אפן, ווי זי שטייט און זיך ניט מאכן ווויסנדיק?
שטייען גראד די לייכטער מיינע אויפן טיש און בליאסקען אין דער זון.

וואָס טו איך, אַז אַ פויער כאַפּט אַ קוק אַריין און ער דערזעט
זיי פינקלענדיק און מיינט — זיי זיינען גאָלדענע, גאָט באַהיט?
פאַרשטעקן זיי הינטער דער פּערענע איז אויך קיין תרופה ניט!
דער זשעדנער פויער האָט אַזאַ מין תאווה צו אַ יידיש איבערבעט . . .

איך קען זיך נאָך ביז היינט פאַר יענעם בייזן חשד ניט מוחל זיין!
די גוים זיינען שטילערהייט פאַרביי מיין שוועל, און איך געדענק:
טייל גוים זיינען זיך אַוועק אַהיים און אַנדערע — אַוועק אין שענק.
געטרונקען און געזונגען ביז העט־העט אין ווייסן טאָג אַריין.

איך וואונדער זיך אַליין גאַנץ אָפּט, פאַרשטיי ניט . . . און איך טראַכט:
מיט וואָס האָט אין זכרון מיר זיך איינגעקריצט אָט יענע שעה פון שרעק?
צי מיט דעם שאָטן פון דעם וואַלד, צי מיט דעם בלאַסקען פון די העק?
צי מחמת מיינע לייכטער האָבן זיך אַזוי צעשטראַלט אין יענער ערב־נאַכט?

אַ טויטע בין

יוסף ראָלניקן צו זיין זעכציק־יאָריקן געבוירנטאָג

איך ווייס ניט וואָס פֿון מיין אוקראַיִניש דערפֿל איז געוואָרן:
צי האָט די שׂרפֿה פֿון דער ערד דאָס אָפּגעווישט, דאָס אַש צעטראָגן
אויף אַלע וויסטע פֿעלדער, פּוסטע וועלדער? . . . ווער קען זאָגן?
איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז דאָס דערפֿל לעבט אין מיין זיכּרון.

דער טאַטע מיינער איז געווען אַ מילנער און אַן אָרעמאַן אַ וויסטער.
געהאָרעוועט פֿאַר דרייען, נאָר די אַלטע מיל האָט קנאַפּ געבראַכט הכּנסה.
האָט די מאַמע איינגעפּירט אַ קרעמל און געהאָלפֿן שטופּן די פּרנסה.
און איך, אַ יאַט, אַ זיבן־יאָריק בחור'ל, — אַ פֿרעסער אַן אומזיסטער.

אַ גליק — די מאַמע איז געווען אַ בריה — אַלץ געקענט, אַ סברה:
פֿאַרצירעווען אַ זאַק, אַ העמד פֿאַרריכטן, לייגן וואו מען דאַרף אַ לאַטע,
געקענט אפֿילו איבערניצעווען און מאַכן פֿון אַן אַלטער שמאַטע
אַ „שפּאָגל־נייעם" מלבוש . . . נאָר מיט שטיוול איז געווען אַ צרה.

דעם טאַטנס שטיוול — צוויי קאַזאַרמעס. ווער האָט כּוח זיי צו דערטראָגן?
און אַגב זיינען זיי געווען שוין איינגעפֿאַלענע צוויי וויסטע חורבות.
איז — איידער שוין אַזוינע שטיוול — איז שוין בעסער גייען באָרוועס.
און אַגב איז מיט הוילע פֿיסלעך גרינגער נאָך די פֿייגעלעך זיך נאָכצויאָגן.

איז פֿלעג איך זיבן מאָל אין טאָג פֿאַרשטעכן זיך די פֿיסלעך בעתן שפּילן,
און וואו אַ שערבל גלאָז, אַ טשוועקל אַ פֿאַרזשאַווערטס, אַ פֿאַרסמטער דאָרן,
האָב איך דאָס אָפּגעזוכט . . . איך בין אַזוי שוין צוגעוואוינט געוואָרן,
אַז כ'פֿלעג שוין די יסורים בעת פֿאַרשטעכן זיך אפֿילו מער ניט פֿילן . . .

נאָר איינמאָל האָב איך אומגערן אויף אַ טויטער בין אַרויפֿגעטראָטן.
ווער האָט געזאָלט זיך ריכטן, אַז דער מזיק ליגט אין גראָז דאָ צווישן?
איז טאַקע תּיכף מיר דאָס פֿיסל אויפֿגעשוואָלן, אויפֿגעלאָפֿן, ווי אַ קישן,
געוואָרן ברוין און בלוי, מיט בלוט, ווי סמאָלע שוואַרץ, פֿאַרזאָטן.

די מאַמע האָט באַקוקט דאָס פּיסל און געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן:
— ד י   ג נ ב ט ע! איר אָנגערויבטן האָניק האָט זי נאָך פֿאַרתכלעוועט ביים לעבן...
די גיפֿט — געשפּאָרט און נאָך איר   ט ו י ט   מיין קינד אים אָפּגעגעבן...
דער טאַטע האָט געשוויגן, און אַ כמורנער שאָטן האָט דאָס פּנים אים פֿאַרצויגן.

אין דרויסן האָט די זון געשיינט. נאָר איך בין טעג אין שטוב געזעסן.
זינט דעמאָלט איז פֿאַר מיר כמעט אַ לעבן שוין אַזוי פֿאַרבייגעשוואומען,
אַ דור אַוועק און שטעט און דערפֿער פֿיל אין שרפֿות אומגעקומען,
דער מאַמעס אומעטיקע ווערטער אָבער האָב איך נאָך עד־היום ניט פֿאַרגעסן.

נישטאָ קיין אַנטרינונג

איך בין צו דער מדבר אַנטרונען.
געמיינט — איך בין אַליין.
אַ בוים וואַקסט אין מיטן דער מדבר,
און ער איז זייער שיין.

דער ווינט הינטער מיר האָט פֿאַרשאָטן,
פֿאַרווישט מיין לעצטן טראָט.
באַליכט האָט אַהער מיך מיין שאָטן,
און דאָ באַגעגנט מיך גאָט.

ווי קען איך פֿאַרשליסן די אויגן,
אַז דער בוים איז געטלעך־שיין?
ווי זאָל איך ניט לויבן גאָטס נאָמען
און בלייבן פֿאָרט אַליין?

געזוכט און געפֿונען אַ מקלט —
פֿון סדום אַנטרונען קוים.
איצט הער איך גאָטס קול: — ז אָ ל ס ט נ י ט ז אָ ג ן —
„ו ו י ש י י ן ע ס א י ז ד ע ר ב ו י ם!"

קוים ברענגסטו אַרויף אויף די ליפּן
די זילבן די צוויי — „ו ו י ש י י ן!"
ביסטו ניט אַנטרונען פֿון ערגעץ,
און ביסט שוין נישט אַליין.

איך בין אויפֿן פּנים געפֿאַלן
און אָנגערירט גאָטס זוים.
די אויגן פֿאַרמאַכט און — נאָך שענער
צעבליט האָט זיך דער בוים.

ווי קען איך נאָך נידריקער בויגן
מיין קאָפּ, ווי איך בויג אים אָן?
וואוהין זאָל איך איצט ערשט אַנטרינען?
ווי אַנדערש זאָל איך טאָן?

גאָטס האַנט אויף מיין קאָפּ טוט אַ ציטער
און אומעטיק טוט ער אַ ברום:
— שטיי אויף . . . טרייסל אָפּ פֿון די קליידער
דעם שטויב, און קער זיך אום . . .

פֿון זעלבן מחבר:

1910—לידער	112 זייטן
1915—געדיכטן און לידער	320 "
1920—אונטער גאָטס הימל	230 "
1926—בלויע פֿלאַמען	157 "
1930—הרודעס	125 "
1935—ליים	135 "
1940—בעבזיק	158 "
1944—אָדמס קינדער	126 "
1944—מיין ליכטיקע נסיעה	170 "